לאנדאן-ווייטשעפּל רעצעמבער 1945 העפטל נומ. 71

# דאס חנוכה העפטל

## דאָס זילבערנע מנורה׳לע מיין טאַטנס

(פאַר מיין שוועסטער צימעלע, וואָס וואָלט געוואָרן היי־יאָר חנוכה 50 יאָר.)

ניִשט אזוי די אָנגעצונדענע קנייטלעך,
ווי די אויסגעהעמערטע זילבערנע לייבן ;
מיט פאַרזענקטע פינגער פונם אַש ארויס,
לעצטע פונקן מיר ווען צוזאַמענקלייבן.

און זיינען פאַרשטיינערט אונזערע הערצער — —
פון זיי אַצינד פייער־פונקן ארויסשלאָגן !
ניִשט קליינינקע ליכטעלעך צאַנקענדיקע —
פלאַמען, אַז אין דער נאָרער וועלט זאָל אויפטאָגן !

דאָס זילבערענע מנורהלע מיין טאַטנס,
ווי אזוי וועל איך עס נאָך קאָנען האָבן ?
אַז מיין שוועסטער, וואָס האָט עס וואו באַהאַלטן,
איז לעבעדיקערהייט געוואָרן באַגראָבן.

זיכער האָט זי אַ גוטן סימן געמאַכט,
אָבער ווי אזוי וועל איך קאָנען דערקענען ?
און אירע קינדער וואָס ווייסן עס אפשר,
ווייס איך ניִשט וואוהינגעקומען זיי זענען.

ניִשט אזוי אונזערע בר־כוכבא העלדן
ווי די מיליאָנען פאַרקוילטע געקוילעטע — — —
אָ, פאַר מיינע אויגן צוויי לייבן-לאַפּעס,
אַזעלכע אויסגעהעמערטע בולטע.

פון אונטער דעם אַש ארום זיי רייסן זיך
אין די רוצחישע העלדזער זיך איינצוקלעמען,
אין זייערע הערצער זיך אריינצוגראַטשן,
פאַר די געקוילעטע נקמה צו נעמען.

# די באַלאַדע פון לעצטן חנוכה־ליכטל

.(דעם אָנדענק פון שידלעווער רב רבי מלך׳ל)

צו יעדן יום טוב, יידישן, גויאישן,
אַ פריילעכן ספעקטאַקל זיי גרייטן,
און וואָס קאָן לוסטיקער זיין, — פאַר געלעכטער
ממש צו האַלטן זיך ביי די זייטן! —

ווי צו זען אַ ייד צאַפּלען אויף דער תליה,
און עקסטערע אַזוי אויף צופלייסן,
איידער אַ פאַרמענצעטער ר׳איז אײַנגאַנצן,
צען מאָל פון שטריק לאָזן אים אָפּרייסן.

איז אַ גרויסער טאָפּלטער יום־טוב מאָרגן,
חנוכה און להבדיל ווייַנאַכטן,
גרייט מען צו אַ ספעקטאַקל, אַז דער שטן
וואָלט עס בעסער נישט געקאָנט פאַרטראַכטן.

און ווען פאַרהונגערט, געפרוירן און נאַסע
פון דער אַרבעט זיינען געקומען,
פייפט עס ווי אַ בייטש אין זייערע אויערן:
„דעם וואונדער ראַבי, אים מיטגענומען!"

און פון דער שורה אַרויס שלעפּט מען אים שוין,
אַ פאַרמענצעטען, אַן אויסגעבלייכטן —
פון צווישן די שעפסן סטאַרע אַ קרבן!
ס׳פייער פון זיין בליק טוט אַרויסלייכטן —

ס׳איז דאָך פאַר מאָרגן, פאַר דעם תליה־יום־טוב,
ברויכט ער קיין מעסער נישט מיטצוטראָגן!
גייט ער אַזוי אָן פעלער און אָן אַ יאָך,
קיין וואָרט שוין נישט מער אַרויסצוזאָגן.

ווייסט ער מאָרגן, אם ירצה השם, אין דער צייט,
וועט ער זיין טויט, וועט ער מער נישט לעבן — —
נו, וועט ער פּטור זיין דעמאָלט פון מצות,
גאָט האָט גענומען גאָט האָט געגעבן!



וואָס ווייסן מיר פון גאָטס־וועגן, כביכול,
וואָס די זון איז, דערקלער עס אַ בלינדן!
אָבער אַצינד וואו זאָל ער ליכטלעך נעמען,
די חנוכה־ליכטלעך אָנצוצינדן?

דרויסן, צווישן אַלע יידן, בציבור
זיי וועלן שוין אַן עצה געפינען;
זאָלן זיי נאָר נישט פאַרגעסן ביים צינדן,
אים מוצא זיין צו האָבן אין זינען.

און ווי ער טראַכט אַזוי, רייסט זיך אויף די טיר,
מיט אויפגעפּראַלטן ווילדן געלעכטער —
אין דער הייליקער, שטילער, געטלעכער נאַכט
געניסן וויל אויך דער עס־עס־וועכטער:

„כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, איך בין געקומען,
דיין לעצטע הענקער־מאָלצייט צו ברענגען;
יודע, אַז דער בויך דיינער וועט זיין ליידיק,
וועסט דאָך אין הימל פליען — נישט הענגען!"

און פון ווינקל אַרויס הערט זיך אַ שעפּטשען,
ווי דאָס טאַפּן מיט הענט פון אַ בלינדן:
„אָבער קודם־כל, ברענג דאָך אַריין די ליכט,
לכבוד דער סעודה אָנצוצינדן".

דאָס ספעקטאַקל נאָך פריילעכער צו מאַכן,
ברענגט טאַקע דער וועכטער צוויי ליכט צו טראָגן:
„געפילטן קאַרפּן־קאָפּ, לעבער מיט ציבל?
דער הער ראַבינער מוז נאָר אַ וואָרט זאָגן!"

און ווי ער שטייט אַזוי, דער עס־עס־וועכטער,
מעשה סאַרווער מיט אַ קניקס פאַרבויגן,
גייט רב מלך׳ל פון ווינקל, פון טונקלען,
מיט אַ פּאָר פלאַם־פייערדיקע אויגן.

אָ, די שמחה של מצוה אויף זיין פּנים,
דעם פינצטערסטן אומעט צודערשטיקן:
אַז די גאַנצע וועלט אַ פולע מיט וואונדער,
מיט אייגענע אויגן צו דערבליקן.

איז דאָך נאָך נישט אויסגעלאָשן דער נס,
פונם געחתמעטן ביסעלע בוימאייל — — —
וואָס איז תפיסה קעלער, וואָס איז תליה,
אז „כי מעולם ועד עולם אתה אל״ —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען ער האָט די על הנסים ברכה
מיט גרויס כונה גענומען מאכן,
ס'איז דעם עס־עם וועכטער געבליבן שטעקן
ווי א ביין אין האלדז דאָס ווילדע לאכן — — —

א גאנצע נאכט האָט עס פונם תפיסה־קעלער
ווי פון א טויב זיך געהערט א ברומען —
רב מלך־לם „מעוז־צור״־נגון,
ביז מ'האָט אים צום שפעקטאקל גענומען.

## די באלאדע פונם צוריקגעקומענעם

(פאר ע. פ.)

פרעמד איז אים געוואָרן זיין ווייב און זיין הויזגעזינד,
זיין היים, זיין שטוב און די ערד אויף וועלכער ער טרעט,
און דער גאָט פון די מענטשן צווישן וועלכע ער לעבט,
צו וועלכן זיי קניען שטיל אין זייער געבעט.

אז א גאנץ פאָלק אזוי פארמענצעט און פארפייניגט,
וואָס מ'שטיינסגעזאָגט איז א געקרייציקטער גאָט ?
אז ווייבער און קינדער ווערן אויף אש פארברענט,
וואָס איז דעמאָלט אייגן ווייב און קינד שוין וואָס מ'האָט ?

די יללות איבער די הויכע געטאָמויערן
טריפן בלוטיק פון די קלויסטער-שפיצן אראָפּ !
און וואָס ווייסט ער, וואָס עס טוט זיך ביים איינעגעם זון,
אין בלאָנדן פון דער מוטער געירשנטן קאָפּ ?

פון דעם שטילן קניען א שוידער ס'נעמט אים אדורך,
איבער זיין היילן לייב ס'לויפט אזא קאלטע גרויל ;
און דאָס שטילע געטוליע אין די נעכט פון זיין ווייב —
א קאץ וואָס שפילט זיך מיט א פארפלאָנטערטער קנויל !

און ווען מ'האָט די לעצטע יידן צוזאמענגעטריבן,
איז ער געקומען צו גיין אין געטאָ אריין,



א שלאנקער אזא איז ער א שטילער געשטאנען,
אינמיטן דעם צעריסענעם יאָמער געוויין.

אז מיט טרערן פול געוועזן ס'זיינען אלע בליקן,
ווער האָט דעם צוריקגעקומענעם דען געזען ?
ווער מען נאָך איינעם צושטופּן אין דער גאז-קאמער,
אין לעצטער רגע ווען ס'וועט גרויליק געשען.

טיף איינגעקוקט נאָר האָט זיך אין אים דער תליון,
צו געפינען אין אים א סימן פון א ייד ;
נישט נאָר אין זיין אויסגעלאָשענעם בליק — אין זיין הארץ
געווען שוין לעצטער פונק צאנקענדיק אויסגעגליט !

נאָר פון אונטערן אש אפּויער פון די פארברענטע
האָט עס ווידער אצינד אויפגעטליעט אויפסניי,
און דער צלם־אלקים אויף זיין נאקעט פנים
אויפגעלויכטן האָט מיט א געלייטערטן ווײ —

אינמיטן דעם אויפגעריסענעם יאָמער־געשריי,
ער האָט פארשטאנען דערפון דעם טיפן באדייט !
און ווען אלע צוזאַם האָבן הויך ווידוי געזאָגט,
זיינע ליפּן געשעפּטשעט די דאָזיקע רייד :

„אז ווידער זיינען מיר געוואָרן אויסגעקליבן,
מיט לעבן אונזערם אפּצוראטעווען די וועלט — — —
אָ, ווי זינדיק מוז זי דאָס זיין, אז נישט פאר איינעם —
פארן גאנצן פאָלק א תליה ס'איז אויפגעשטעלט״ !

אָבער, אז נישט פארוואנדלען מ'זאָל ווידער פּיין
אין טויטע צלמים־געצן פון האָלץ און פון שטיין,
ווערט אויף אש איצט פארברענט דאָס פארמענצעטע געביין — — —
אז מ'זאָל אים שוין איצט קענען גאנץ משיג זיין — — — — —״
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען די ווייען האָבן זיי טוליענדיק געקנוילט,
אין לעצטער רגע פונם גרויליקן געשען,
א שפּילנדיקער באלעם אין גאָטס ליכטיקע הענט
איז ער מיט אלע צוזאמען דעמאָלט געווען.

## צווישן די פעלקער פון דער וואלגא און פונם דאן

מ. קאַלינינען, דעם פּרעזידענט פון סאָוויעט־רוסלאַנד
צום 28־טן יאָר־טאָג פון דער רעוואָלוציע.

אינם הילך פון אייערע נצחון־געזאַנגען
מיט איינגעפלאָכטן ס'זאָל ווערן מיין שטילינקע ליד,
צווישן די פעלקער פון דער וואָלגאָ און פונם דאָן
מיטגעקעמפט ס'האָט דאָך אונזער רויט־אַרמייאישער ייד.

אינגאַנצן אין בלוט און איינגעטונקטער, א רויטער,
נקמה ער האָט גענומען פאַר אונזערע לייד — —
פון אונזער פינצטערניש א פלאַמיקער ר'איז אַרויס,
א געשאַרפטע קלינג א געצויגענע פון דער שייד!

ווי ליכטיק, ווי צעגלאַנצט, ווי פריידיק אויפגעלויכטן,
עס טריפט דאָס אונזער בלוט פון זיין צוקנדיקער שווערד —
צווישן די פעלקער פון דער וואָלגא און פונם דאָן,
אונזער בלוט א שטראָמיקער טייך איבער פעטער ערד.

יאָ, צוויי שטראָמיקע טייכן — בירא און בידזשאַן!
אזוי פיל פאַרגאָסן געוואָרן איז אונזער בלוט —
אָ, צו וויסן אצינד אז ערגעץ־וואו אויף דער וועלט,
א שטיקל ערד אונזערס אן אייגנס — ווי גוט דאָס טוט!

אינם הילך פון אייערע נצחון געזאַנגען
מיטאיינגעפלאָכטן ס'זאָל ווערן מיין שטילינקע ליד,
צווישן די פעלקער פון דער וואָלגא און פונם דאָן
נישט אָפּגענאַרט, נישט פאַרשעמט ס'איז געוואָרן דער ייד —

אויף די טייכן, זיינע אייגענע, בירא־בידזשאַן,
מיט פעלקער, מיט גלייכע אן אויסגעגלייכטער ער ווערט,
אַקערס־ערד פאַר פעלדער, פאַר סעדער איבערגעגוג,
און אויף אַקער־אייזן איבערצושמידן — א שווערד!

נישט פאַרשעמט, נישט אָפּגענאַרט מיר זיינען געוואָרן,
ס'האָט דער פיינט דערפילט פון אונזער נקמה די פויסט!
צווישן די פעלקער פון דער וואָלגא און פונם דאָן,
הילכיק אונזער בלוט מיט נצחון־ליד אויפגעברויזט.



## נישט מיר אצינד, נישט אונזער דור

„ולשנה אחרת קבעום ועשאום
ימים טובים בהלל והודאות“
שבת כ"א.

נישט מיר איצט און נישט אונזער דור,
צו דערשלאָגן און פון צרות מיד,
אז מיר זאָלן זינגען קענען
דאָס געוואַלטיקע נצחון ליד.

דעם „טמאים ביד טהורים“,
פון אונזער דור פון אונזערע טעג,
אין געזאַנגען אויסצוזינגען,
נישט מיר קענען און נישט מען מעג —

גסיסה־כאָרכל פון מיליאָנען
איבערהילכן אונזער געזאַנג;
לעצטע בליקן, געבראָכענע,
אויפציטערן וועלן יעדן קלאַנג.

דורות נייע ס'מוזן קומען,
מיט ליכטיקן מיט לויטערן בליק,
און מיט קולות נישט דערשטיקטע,
פון דער פאַרצווינגענער פעטליע־שטריק. —

איז דען נישט, ווי די חתימה
פון כהן גדול אויף קריגל אייל,
גליווער־בלוט פון געקוילעט קינד,
געהייליקט אינם ווילדן געהייל?

ווי די יסורים אונזערע
אזוי געוואַלטיק דער זיג אצינד;
ווי דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע —
ס'בלוט אין אונז פון נקמה גערינט!

נישט מיר איצט, נישט אין אונזער צייט,
צו אויפגעצאָרנט אונזער געמיט — —
דורות נייע ס'וועלן קומען
אויסצוזינגען דאָס נצחון ליד.

א. נ. שטענצל

# די תפילה פון הימלישן פייער

(דאָס ערשטע קאַפּיטל פון חשמונאים ב.)

די ברידער, די יידן אין ירושלים און אין לאַנד יהודה, גריסן די ברידער, די יידן אין גאַנצן לאַנד מצרים, און ווינשן אייך אַ גוטן שלום: און אַז גאָט זאָל טון גוטס מיט אייך, און געדענקען דעם בונד זיינעם מיט אברהמען און יצחקן און יעקבן, זיינע באַגלייבטע קנעכט: און אייך אַלעמען געבן אַ האַרץ, זיך צו פאָרכטן פאַר אים און צו טון זיין רצון מיט אַ גרויס האַרץ און מיט אַ גרייטוויליק נפש; און אויפעפענען דאָס האַרץ אייערס צו זיין תורה און צו זיינע מצוות, און מאַכן שלום און דערהערן אייערע תפילות, און ווערן פאַראייבאַרט מיט אייך, און אייך נישט פאַרלאָזן אין אַן עת־צרה. און מיר דאָ זענען איצט מתפלל פאַר אייערטוועגן.

אין הונדערט און ניין און זעכציקסטן יאָר, בעת דעמעטריוס האָט געקעניגט האָבן מיר יידן געשריבן צו אייך אין דער גרעסטער נויט, וואָס איז געקומען אויף אונז אין די דאָזיקע יאָרן, זינט יאַזאָן און זיינע לייט זענען געוואָרן אומגעטריי צום הייליקן לאַנד און דער מלוכה, און האָבן פאַרברענט דאָס שער פון בית־המקדש, און פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט און מיר האָבן תפילה געטון צו גאָט, און זענען דערהערט געוואָרן; און מיר האָבן געגעבן קרבנות און זעמלמעל, און אָנגעצונדן די ליכט, און אָנגעריכט דאָס לחם־הפנים, און איצט זעט צו האַלטן חנוכה אין די טעג פון חודש כסלו פונקט ווי דעם יום־טוב סוכות.

אין הונדערט און אַכט און אַכציקסטן יאָר, די אנשי־ירושלים און די אנשי־יהודה און די זקנים און יהודה, צו אַריסטובלוסן, דעם קעניג תלמיס לערער, וועלכער איז אויך פון דער גזע געזאַלבטע כהנים, און צו די יידן אין מצרים, שלום און אַ גוט געזונט! אַזויווי מיר זענען ניצול געוואָרן דורך גאָט פון גרויסע סכנות, טאַקע אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויפגעשטעלט קעגן אַ מלך, גיבן מיר אים אַ גרויסן שבח. וואָרום ער אַליין האָט פאַרטריבן קיין פרס אָט די אַלע, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן אונז אין דער הייליקער שטאָט. וואָרום ווען דער פרינץ איז אַהינגעקומען, און דאָס חייל מיט אים, וואָס מען האָט געמיינט, אַז עס איז אומבאַצווינגבאַר, זענען זיי אומגעקומען אין נאַנעאַס טעמפּל דורך דעם באַטרוג פון נאַנעאַס פּריסטער. וואָרום אַנטיוכוס, כלומרשט אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן, איז אַהינגעקומען מיט זיינע פריינט, וואָס זענען געווען מיט אים, כדי צו נעמען אַ גרויסן חלק פון די אוצרות אויפן חשבון פון איר נדן. און ווען נאַנעאַס פּריסטער האָבן אַנידערגעלייגט די דאָזיקע אוצרות, און ער איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק מיט אַ קליינע צאָל מענטשן, האָבן זיי פאַרשלאָסן דעם טעמפּל ווי אַנטיוכוס איז אַריינגעקומען, און אויפגעעפנט אַ פאַרבאָרגענע טיר אינם דאַך און פלוצלונג אַראָפּגעשלידערט שטיינער אויפן פרינץ, און אים געטייט מיט זיינע לייט, און צעשניטן אויף שטיקער, און זיי אָפּגעהאַקט די קעפּ און אַרויסגעוואָרפן



צו די אינדרויסן. געלויבט זאָל תמיד זיין אונזער גאָט, וואָס האָט איבערגעגעבן די רשעים צו אָט אַזאַ טויט!

און אַזוי ווי מיר גייען איצט האַלטן דעם יום־טוב פון חנוכת־הבית, דעם פינף און צוואַנציקסטן טאָג פון כסלו, האָבן מיר. עס געהאַלטן פאַר נויטיק אייך מודיע צו זיין, כדי איר אַליין זאָלט אויך האַלטן אָט דעם יום-טוב, פונקט ווי דעם יום־טוב סוכות און פון הייליקן פייער, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן ווען נחמיה האָט געגעבן קרבנות, נאָך דעם ווי ער האָט אויפגעבויט דאָס בית המקדש און דעם מזבח.

וואָרום ווען מען האָט אַוועקגעפירט אונזערע עלטערן קיין פרס, האָבן דעמלט די גאָטספאָרכטיקע כהנים גענומען פון פייער פון מזבח, און עס פאַרבאָרגן אין דער הייל פון אַ ברונעם, וואו עס איז קיין וואַסער נישט געווען, און עס דאָרט פאַרחתמעט, אַז דאָס אָרט איז געבליבן אומבאַקאַנט פאַר אַלעמען. און אין אַ סך יאָרן אַרום ווען עס איז גאָט וואוילגעפעלן האָט נחמיה, אין אַ שליחות פון מלך־פּרס, געשיקט די אייניקלעך פון די כהנים וואָס האָבן פאַרבאָרגן דאָס פייער, עס צו געפינען. ווי אָבער זיי האָבן אונז מודיע געווען, אַז זיי האָבן נישט געפונען קיין פייער, נאָר געדיכט וואַסער, האָט ער זיי באַפוילן צו שעפּן און ברענגען צו אים. און ווען מען האָט אָנגעריכט די קרבנות, האָט נחמיה באַפוילן די כהנים צו שפּרענגען מיטן וואַסער סיי דאָס האָלץ סיי די זאַכן, וואָס זענען געלעגן דערויף. און ווען זיי האָבן געהאַט געטון דאָס דאָזיקע און עס איז פאַרגאַנגען אַ צייט, ווען עס האָט אויפגעשיינט די זון וואָס פריער איז זי געווען פאַרשטעלט מיט די וואָלקנס, האָט זיך אָנגעצונדן אַ גרויס פייער אַז אַלע האָבן זיך געוואונדערט. און די כהנים האָבן מתפלל געווען בשעת דאָס קרבן האָט זיך געברענט, די כהנים און דער גאַנצער עולם יונתן האָט אָנגעהויבן און די איבריקע האָבן נאָכגעזאָגט מיט נחמיהן. און די תפילה איז געווען אויף אָט דעם אופן:

יהוה, יהוה, דו גאָט, וואָס האָסט אַלץ באַשאַפן, ביסט פאָרכטיק און שטאַרק און גערעכט און רחמנותדיק, וואָס נאָר דו אַליין ביסט אונזער גוטער קעניג, נאָר דו אַליין גיסט אונז וואָס מיר דאַרפן, דו אַליין ביסט גערעכט און אַלמעכטיק און אייביק, דו טוסט אויסלייזן ישראל פון אַלעם בייזן, דו האָסט אויסדערוויילט די אבות, און זיי געהייליקט: נעם אָן דאָס קרבן פאַר דעם גאַנצן פאָלק ישראל דיינעם, און היט אָפּ דיין אַרבטייל, און הייליק עס. זאַמל צונויף אונזער צעזייטע און צעשפּרייטע, באַפריי די פאַרקנעכטעטע צווישן די גוים, קוק דיך אום אויף די פאַראַכטעטע און געהאַסטע און זאָלן די גוים וויסן, אַז דו ביסט אונזער גאָט. שטראָף די, וואָס אונטערדריקן אונז און טון אונז לייד מיט חוצפּה. פאַרפלאַנץ ווידער דיין פאָלק אויף דיין מקום קדוש, ווי משה רבנו האָט געזאָגט.

און די כהנים האָבן געזונגען הלל. און ווי דאָס קרבן איז געוואָרן פאַרברענט, האָט נחמיה באַפוילן אויסצוגיסן דאָס איבריקע וואַסער אויף די גרויסע שטיינער. און ווען מען האָט דאָס דאָזיקע געטון, האָט זיך אָנגעצונדן

א פלאַם, עס איז אָבער פאַרצערט געוואָרן פונם ליכט וואָס האָט אַקייגנגע־לויכטן פון מזבח. און אַז די זאַך איז באַקאַנט געוואָרן און מען האָט זי דערציילט דעם מלך פון פרס, אַז אויף דעם אָרט וואו די פאַרטריבענע כהנים האָבן פאַרבאָרגן דאָס פייער, האָט זיך באַוויזן וואַסער מיט וועלכן נחמיה האָט מטהר געווען דאָס קרבן, האָט דער קעניג געלאָזט אַרומצוימען דאָס אָרט, און עס געמאַכט הייליק, נאָכן אויספאָרשן די זאַך. און דער קעניג האָט גענומען פיל מתנות און זיי אויסגעטיילט צו די, וואָס האָבן געפונען חן ביי אים אין די אויגן. און נחמיה און זיינע לייט האָבן גערופן די ראָזיקע זאַך: נפטר, וואָס פאַרטייטשט הייסט עס: לויטערונג; אָבער דאָס רוב מענטשן האָט עס גערופן: נעפטיי.

פון גריכיש, **א.א.**

---

## משה עובד

## א רוימיג הויז האָט ישראל געבויט

(א חנוכה מתנה א. נ. שטענצלען)

א רוימיג הויז האָט ישראל געבויט,
פונם אָטעם־אות און פון פאַרמעט־הויט,
א ליפּטשיקל די סאַמעך, א פענצטערל די שלאָס־מעם,
מיט א דאַך פון העכסטן, הערליכסטן פאַרנעם.

אַרום און אַרום געפלאַנצט א גאָרטן,
פון נקודות, וואָס זינגען, קלינגען ווי נאָטן,
צווישן די ליכטיקע שורות די סטעשקעלעך,
אָבגערוימט די דערנער, די געטשקעלעך.

און אין הויז פון אות פול מיט חן,
דאָרט וואוינט גאָט, איינזאַם אליין
און ישראל דער בויער פון גאַנצן הויז,
האָט אליין קיין היים, זיין נשמה גייט אויס.

## ר' ברוך'ל בענטשט מיט מזומן

(געווירמעט רחל ראָן יחיא)

פון זיין שטיבעלע איז ר' ברוך'ל אין גאַס אַרויס,
ווי אַן אונבאַגלייטעט פידעלע,
זעט ער ווי ס'לייטערט זיך פון מילכיקן וועג אויס,
א מעל־ווייס בעקערל און א מילך־יידעלע.



האָט ר' ברוך'ל אינם ענין טיף אַריינגעטראַכט,
וואָס טוען דאָרט אידעלעך אַזוי שפּעט ביינאַכט?
מסתמא געבראַכט פאַר די שטערן, די ישיבה של מעלה,
אויפן לבנה־טעלער א גאָר הארבע שאלה.

און אַזוי ווי ר' ברוך איז צו זיין שטיבעלע צוריק,
איז דער שנעל פון א מלאך אים נאָכגעפלויגן,
עס איז אָבער געבליבן צו זיין גרויס גליק,
די יידעלעך אין שוואַרצאַפּל פון זיינע אויגן.

ווען ר' ברוך'ל זיך געזונגען א האַרציג לידעלע,
האָט צוגעבאָמט ס'בעקערל און ס'מילך יידעלע,
ווען זיך געוויגט איבער דער גמרא אויף אַלע זייטן,
האָבן די יידעלעך אים געטון באַגלייטן.

ווען ר' ברוך'ל האָט געבענטשט האָט ער געבענטשט מזומן,
געלויבט אין הימל אַריין זיין ליבן נאָמען,
און די יידעלעך האָבן צוגעשאָקלט גאָר גאָר היימלעך,
אונטער זיינע ברעמעלך, ברעמעלעך ווי שטריימלעך.

---

## הרב דוב וואַרשאַווסקי

## אונזער „צער און צאָרן" צום חנוכה תש"ו

און זייער פאַרשטערטע „שמחה" דעם 7־טן נאָוו., 1945 אין „פּרענדס־הויז"

הער אוים פאַרענגלישטער נאַציאָנאַלער ייד! צו דיר רעדן מיר, צו דיר, וואָס האָסט אויך גע'הרג'טע קרובים דאָרט, זאָגסטו, און דאָך שרייסטו נישט, דיין קאָפּ איז קאַלט; צו דיר „אייז־קאָפּ" און „גומענע האַרץ" (כדי אוים־צוטיילן דיר פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע יידן־ציוניסטן, וועלכע באַזיצן נאָך יידישע הערצער) צו דיר, וואָס האָסט געשריגן צו שטענצלען, אַז דערפאַר האָט מען אויסגעשאָכטן די יידן פון מזרח, ווייל זיי זענען געווען שרייערס, נישט „נאָבל" — זענען אונזערע ווערטער געווענדעט.

ענטשולדיג, דעם הייפל „היץ־קעפּ", וואָס האָבן דיר צעשטערט דיין „ציון־שמחה" און דיר פאַרשעמט אין די אויגן פון די גוים; ענטשולדיג, דעם „משוגענעם", וואָס האָט זיך אַריינגעריסן ווי א ווילכער אין דיין קאַלטער עגאָאיסטיש־וועלטל און האָט דיר נישט געלאָזט אויסהערן די „ציוניסטישע" רעדע פון „הומאַניסט" וויקטאָר גאָלאַנץ וועלכער קלאָגט ווי א ביבער אויפן דייטשן אומגליק נעבאַך און פאָדערט פון אונז אַוועקצוגעבן דעם ביסן ברויט פון אונזערע קינדער פאַר די דייטשישע מערדער פון 6,000,000 יידישע טאַטעס און מאַמעס און קינדער...

מיר פאַרגיבן דיר פאַרענגלישטער „אייז־קאָפּ“ דיין כעס און רוגזה (פע, ווי קומט דאָס צו דיר אַזאַ כעס...?); אַרויסגעוואָרפן האָסטו דיין גיפט אויף דער זייט און געסיקעט האָסטו ווי אַ בייזער שלאַנג. מיר פאַרגיבן דיר, ווייל מיר ווייסן דיין געפאַלענקייט און קריכערישקייט. דיין גאַנצע יידישקייט און פרומקייט באַשטייט נאָר אין אויסהערן אַ „ציוניסטישע“ רעדע פון אַ גוי אָדער פון אַ יידישן „נישט־ייד“. דיין קערפּער איז צעקריפּלט און צעקרימט ווי דער וועג פון אַ שיכור און דיין נשמה איז ווי אַן אויסגעבלאָזענער ווינט פון אַ געפּלאַצטן „באָל“ צעפוילט פון נעפּל...

„אַ משוגענער!“ — יאָ, „אייז־קאָפּ“, ביזט גערעכט. מען קען טאַקע משוגע ווערן. טאָג ווי נאַכט גיי איך אַרום ווי אין הינער־פּלעט. מיין קאָפּ באַגרייפט דאָס נישט און מיין האַרץ קען זיך נישט שטילן; ווי האָט דאָס געקענט געשען? ווי האָבן דאָס „מענטשן“ וואָס רופן זיך דייטשן געהאַט דאָס האַרץ אויסצושעכטן און אויסצומאָרדן שטאָט נאָך שטאָט מיליאָנען יידישע טאַטעס, מאַמעס און קינדער?! ממש ווי אַ גיסנדע לאַווינע אויסגעברענט און פאַרניכטעט אַלץ און אַלעמען; און ווי קענען זיך נאָך געפינען יידן און דערצו נאָך „ציוניסטן“, וואָס זאָגן: זיי שרייען נישט, עס אַרט זיי נישט און פאָדערן נאָך צו שטיצן די מערדער און שפּייזן זייערע קינדער?! — ווי אַזוי וועלן די מערדער אָנפילן און וויסן אַז אויך יידישע קינדער וויינען און שרייען פון הונגער און ווייטאָג; און אַז אויך יידישע טאַטעס און מאַמעס גייען אויס פון קלעמעניש און יסורים צוזעענדיק דעם צער פון זייערע קינדער?—ס'איז משוגע צו ווערן, אַז אין אַזאַ וועלט דאַרפן מיר נאָך לעבן און אויפברענגען קינדער! זיינען דאָס מענטשן אָדער בהמות? — איין בהמה נעמט מען צו דער שחיטה און די אַנדערע פרעסן ווייטער. אָבער אַפילו אַ בהמה ווען זי דערשמעקט בלוט וואַרפט זי אַוועק דעם פרעס און לויפט אַרום ווילד...

יאָ, „אייז־קאָפּ“, דו האָסט אויך אַ שולד אין דער שחיטה פון 6 מיליאָן יידן! פרעג דיין דר. סטעפאַן וויז וועט ער דיר זאָגן, ווי איינער פון דיינע חברים, אַ גרויסער ציוניסט האָט אים געקלונגען פון לאָנדאָן, אַז ער, דר. וויז זאָל נישט פּראָטעסטירן קעגן די „נאַצים“ (פאַר דער מלחמה), ווייל דאָס מיינט מען נישט די דייטשע יידן, היטלער מיינט „יענע יידן“, די מזרח יידן... (דערציילט אויף דער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט קאָנגרעס אין לאָנדאָן, 25 יולי, 1945). דו שרייסט נישט אייז־קאָפּ, זאָגסטו ווייל ס'איז אַ חרפּה פאַר די גוים און טאַקע דערפאַר איז אונזער חורבן אַזוי גרויס!

אָבער איך דער היץ־קאָפּ שריי, ווייסט פאַרוואָס אייז־קאָפּ? ווייל איך בין נאָך אַלץ דאָרט. איך וואַנדער נאָך אַלץ אַרום אין יענע שטעט און שטעטלעך וואו איך האָב מיין יוגנט און בעסטע יאָרן געלאָזן; כ'בין נאָך אַלץ מיט „יענע יידן“ מיט וועלכע איך האָב זיך געטיילט מיינע פריידן און ליידן. איך זע זיי און הער זיי, איך טאַפּ זיי אָן מיט מיינע הענט, איך פיל זיי מיט אַלע מיינע חושים. איך שריי ווייל איך זע ווי מען פירט זיי צו דער שחיטה.



טאָג ווי נאַכט הער איך זייערע באַנומענע יללות פון די גאַז־קאַמערן, פון די פייערן, און פון די לעבעדיק־פאַרשאָטענע קברים!!!

ווי קען איך שווייגן, דו אייז־קאָפּ, אַז יעדער בליק אויף מיינע קינדער דערמאָנט מיר אָן די מיליאָנען יידישע קינדערלעך, וועלכע זיינען אין די אויגן פון זייערע טאַטעס און מאַמעס געוואָרן געברענט, געגאַזט, און געמאָרדעט. דאַן בין איך ווילד און משוגע און שריי צוזאַמען מיט „יענע“ טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זיינען משוגע געוואָרן פון צער... „יענע יידן“, האָט מען געהרגעט, זאָגסטו אייז־קאָפּ, ווייל זיי האָבן געשריגן, אָבער דו שווייגסט, ווייל דו שעמסט זיך פאַר די גוים, ווילסט זיך גלייכן צו די גוים, ווי די אַמאָליקע מתיוונים, די היפּאָקריטן. די גוים אָבער מעגן זיין קאַלט, ווייל זיי ברענט מען נישט אין די גאַז־קאַמערן! און אַפילו דיינע קאַלטע ענגלענדער, האָבן גענומען זייער נקמה; פאַר יעדער צעשטערטער ענגלישער שטאָט, זיינען צענדליקער דייטשישע שטעט אויסגעריבן געוואָרן! און די צעקראָכענער ייד, וואָס האָסטו געטון פאַר דיינע 6 מיליאָן קרבנות?!

ווי אַמאָל, אַזוי אויך איצט, ברענט אין ארץ ישראל דער מרידה־פייער פון די חשמונאים, וואָס האָט זינט יאָרן געטליעט אין די הערצער פון אַ הייפל מסירת־נפשדיקע יידן, וועלכע זענען פאַרשריגן געוואָרן אַלס „היץ־קעפּ“. שטעט זיינען באַלאַגערט, בלוט גיסט זיך אין די גאַסן. און אין לאָנדאָן אויף אַ ריזיקן מיטינג (אין ראָיאַל אַלבערט האָל), אָרגאַניזירט פון „ציוניסט“ וויקטאָר גאָלאַנץ (נ.ק. 27 נאָוו.) האָבן יידישע ציוניסטן־הומאַניסטן צוזאַמען מיט די חברים פון „היטלער־לעגיאָן“ (יעצט געגרינדעט אין ענגלאַנד ד.ע. 28 נאָוו.), געפאָדערט הילף און שפּייז פאַר די דייטשן; העלפן די דייטשן, וועלכע זעען אויס אַזוי: „אויסגעגעסן און געזונט“, אַזש ס'האָט איבעראַשט די ענגלישע מינען־דעלעגאַציע יעצט אין דייטשלאַנד (נ.ק. 27 נאָוו); שפּייזן די דייטשן וועלכע האָבן אָפּגעשונדן דאָס הויט פון יידישע קרבנות כדי צו מאַכן פון הויט אַרטיסטישע שירמעס צו לאָמפּן (ד.ע. 16 נאָוו.); העלפן די דייטשן. און וואָס איז מכוח יידישע צרות? דער גאָלאַנץ האָט נאָך די חוצפּה צו רעקלאַמירן זיך אַלס ציוניסט! פון אַזעלכע ציוניסטן האָבן מיר טאַקע אַזאַ פּנים... פאַר יאָרן זענען די וואָרנונגען פון דעם הייפל יידישע אידעאַליסטן געוואָרן אויסגעלאַכט פון די ציוניסטישע אייז־קעפּ. יעצט זיינען זיי דאָ. יעצט ווען דער גאַנצער רעזערוואַר פון יידישן ברען־שטאָף איז אויסגעטריקנט און חרוב... „יעצט איז ער דאָ—און דער נדן און צירונג איז נישטאָ“... וואָלט שוין נישט גלייכער געווען צו פאַלן פאַר ארץ ישראל מיט 15־20 יאָר צוריק איידער אין די גאַז־קאַמערן?... נו, וואָס זאָגסטו יעצט, דו אייזל־קאָפּ, מאָדערנער העלעניסט?!

אָ, דו יידישער אומגליק! ווי פיינלעך ס'זיינען דיינע מעסער־שטעך אין מיין רוקן! — מיין האַרץ איז ווי אַ קאָכנדיקער באַסיין פון הייסע טרערן, און וואָלט איך נישט געלאָשן מיין ברענענדיקע וואונד מיט אַ טרער אין דער שטיל, דאַן וואָלט איך דיין אייז־קאָפּ צעשמאָלצן אין מיין צוזעצנדן פייערדיקן צאָרן!!!

דער קלאַפּ מיט מיין שירעם איבערן פּרעזידיום־טיש פון וויקטאָר־גאַלאַנץ איז געווען מיין קריעה-רייסן, מיין שבֿעה־זיצן, און מיין קדיש־זאָגן נאָך מיינע טאַטע־מאַמע און שוועסטערל, און נאָך די אַלע טויזנטער קרובים, פריינט און באַקאַנטע, וועלכע זיינען פאַרשניטן געוואָרן און נישט איבערגעלאָזט קיין יורש און קיין גואל הדם! איך וועל קיינמאָל נישט זאָגן קיין קדיש נאָך זיי. ניין, איך קען נישט, ווי קען מען זאָגן קדיש נאָך לעבעדיקע... זיי לעבן... זיי קלאַפּן אין מיין טיר און רופן צו מיר פון אונטער מיין פענצטער; זיי און מיין אומעט באַגלייטן מיר צו דער אַרבעט. זיי עסן פון מיין ברויט און שלאָפן אויף מיין קישן... ווי און ווינד וועט זיין צו דעם, וואָס וועט וואַגן צו באַטריבן זיי און מיין געמיט! — מיט דער מסירת נפש און אָפּפערונג פון אונזערע אמאַליקע חשמונאים, וועלן מיר פון דעם בוגד און פאַרעטער רייסן שטיקער!

נישט די פאַרענגלישטע „איזי־קעפּ“, נישט דער „ציוניסט“ וויקטאָר גאַלאַנץ, נישט די אַלע פאַרשטעלטע „ציון“-מנוולים וועלן קענען קאַלט מאַכן אונז! נישט אַ פּאָר אונטערגעוואָרפענע געהאַנגענע דייטשישע מערדער, פון יוצא וועגן, וועלן פאַרגרינגערן אונזער געמיט און טרויער! מיר וועלן אייך איזי־קעפּ פאַראומערן די יאָרן און אָפּרויבן ביי אייך אייער פעט־לייביקע רואיקייט! מיר וועלן נישט אויפהערן צו שרייען און צו מאָנען דאָס בלוט פון די מיליאָנען מאַרטירער! אונזער געשריי פאַר די אומגעקומענע איז אויך דער געשריי (יבדלו לחיים) פאַר אונזערע לעבעדיקע קינדער...!

מיין קדיש איז נ ק מ ה! —די צוואה פון די קדושים! און מיין י ז כ ו ר —וועט ברענען די טריט פון די בוגדים, וואָס וועלן ד׳ צוואה פאַרשוועכן!!!

## דוד זיידענפעלד

## אַ בוך מיט פאַנטאַזיעס

הינטער אַ פלאָט לייגט זיך די זון,<br>
מיט ברוגז׳ע וואָלקנס אַנידער,<br>
נעמט מיך די נאַכט אונטער איר מאַנטל,<br>
שוין ווידער.

לייטערס צובראָכענע ליגן אויף דער ערד,<br>
אויף וואָס וועלן מלאכים קלעטערן?<br>
אויפן הימל פאַנטאַזיעס הייבן זיך שוין אָן<br>
צו בלעטערן.

דורך פינצטערע טויערן ווענוס און מאַרס<br>
הויך אויפן הימל שפּאַצירן,<br>
מיטן גרגיסן בער טאַנצן, און שוין בא דער נאָז<br>
אים פירן.



## שפּילן זיך וואָלקנס

שפּילן זיך וואָלקנס אַרום מיט דער זון,<br>
לאָנקעס הערן זייער גערודער,<br>
רעקן זי צו, רעקן זי אויף,<br>
נעמען זי אינמיטן אַריין ווידער,<br>
טוען זיי אָן אויפן קאָפּ איר אַ שלייער,<br>
וואַרפט זי אַריין אים אין איר פייער.

ווערן זיי אומעטיק, ווערן זיי ברוגז,<br>
גייען זיי אַוועק שוין אַנגעלאָדן<br>
מיט אַ סטאַרע שאָף אין טייך,<br>
אין אַ קאַלטן טייך זיך באָדן.<br>
און די סודות וואָס זיי טראָגן<br>
שטיל דעם וואַסערל אויסזאָגן.

אַ קליינטשיק וואָלקנדל צעוויינט זיך,<br>
טרינקט אַ לאָנקע זיינע טרערן,<br>
שמעקן זאַפטן אויפן גראָז,<br>
שפּראָצן פריידן און באַגערן.<br>
אין אַ לאָנקעס טיפע קנייטשן<br>
וואָלקן-טרערן זיך אויסטייטשן.

## בלעמ׳ס אייזל

(יוסף לעפּטוויטשן — פון אַמאָל.)

האָט בלעם אַ תפילה אַ געקריצטע פון נמרד,<br>
צו אַ ציציקע קאַץ אויף גויאיש געזונגען,<br>
דער אייזל געלעגן פאַר׳עקשנ׳ט אויף ד׳ערד,<br>
האָט אים געלאָזט זיך אויסשרייען די לונגען;<br>
דער אייזל געלעגן מיט אייזלישן כבוד,<br>
פון פיס זיך געפלאָכטן ט׳אַ מגן דוד.

האָט בלעם אַ ביטערע קללה געקרייט,<br>
געקניט און געבלאָזן פון כשוף זיין האָרן,<br>
און לילית אינמיטן אַ אשמדאי־טאַנץ<br>
האָט זיך געביסן די ציצן מיט צאָרן;<br>
דער אייזל געלעגן איז מיט אַ געקוועל,<br>
ווי ס׳וואָלט אים אַ מלאך געגעבן אַ שנעל,

און שיין ווי א כלה אויף איר חתונה־בעט
און פריש איז געלעגן דער טוי אויפן קארן.
אויפן פנים פון אייזל ט'שכינה געשיינט,
האט בלעם געבלאזן פון כשוף זיין הארן;
דער אייזל געלעגן פאר'חלומ'ט אויף ד'ערד,
צום הימל געקוקט, האט אין גארנישט געהערט.

האבן בלעם'ס בעלפערס, לערן יונגען געזעלן
מיט שפיציקע דערנער דעם אייזל געשמיסן,
און לילית מיט כשוף רמזים און ברען
האט אים זיין אייזלישן עק אבגעביסן;
דער אייזל געלעגן ווי גארנישט פאסירט,
האט ווי א מענש גאר פילאזאפירט.

האט דער אייזל געעפנט זיין מויל און גערעדט
זיין קול ווי א גלאק פון גן-ערן ט'געקלונגען,
ארום און א ראד מיט א פרייד אויף זיין פעל,
האבן רויטע מוראשקעס ווי מיידלאך געשפרונגען;
גרוים ביז צום הימל מיט פליגלען צעשפרייט
ז'געשטאנען א מלאך פארשטעלטערהייט.

## דלילה

דלילה די צייט
אויף איר ברויזנדער שוים
רייסט זי די בלעטער
פון מיין לעבן ארוים.

צווישן אירע ברוסטן
מיט בלומען אינמיטן
פאלן מיינע האר
ד'טעג אבגעשניטן.

פלשתים די יארן
הינטער דער טיר
טראגן אן ארון
און ווארטן אויף מיר.



א טארסא א זכרון
א שאטן אויף דער וואנט
האלט איך ווי שמשון
ד'זיילן אין דער האנט.

טאנצט מיט די שערן
דלילה אויסגעלאסן
און די פלשתים
חוזקן און שפאסן.

דלילה די צייט
פלשתים די יארן
הינטער דער טיר
טראגן אן ארון.

## א. מ. פוקס

## בנימין שלעווין

(וועגן זיין ראמאן „דער מארש אויף בריסק”)

באמערקונג:

פון דעם אמאל אזוי רייכן יידיש־ליטעראַרישן קיבוץ אין פאריז זענען בלויז א גאר קליינע צאל בעלעטריסטן ארוים לעבעדיקע פונם חורבן. פון זיי זענען די באקאנטסטע דער פראזע שרייבער בנימין שלעווין און דער דיכטער משה שולשטיין. בנימין שלעווין האט אין פאריז ארויסגעגעבן א קליינע זאמלונג דערציילונגען „גרויע פראפילען” און קנאפ פארן קריג־אויסברוך איז דארט דערשינען זיין ראמאן: „דער מארש אויף בריסק”. מיט א צייט צוריק האב איך געשריבן א רעצענזיע וועגן אט דעם וויכטיקן בוך און דעם יונגן טאלאנטירטן פראזע־שרייבער. נאך צוליב דעם לאנדאנער „בליץ” דעמאלט האט זיך געמאכט אזוי, אז כ'האב נישט געקאנט ארויסגעבן די קריטיק צום דרוק. טו איך דאס ערשט אצינד אין גייסטיקער פארבינדונג און פליכט געפיל לגבי א חבר.
א.מ.פ.

* *
*

די יונגע יידישע פראזע־ליטעראטור אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט מלחמות איז טעמאטיש רייך אין שילדערונגען פון איבערברוך אין יידישן לעבנס שטייגער, אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער. אלע דערשיי־נונגען וואס זענען געווען פארווארצלט אין דער יידישער טראדיציע פון דורות, ווערן דינאמיש ארויסגעשטויסן פון זייער אלטער לעבנס־פארם, בעת די עלעמענטן פון די נייע אידייען זענען נאך לאביל און אן א באשטימטן

פנים. עס איז אַ גערانגל אויף שייד־וועג פון סאָציאַלן אויפברויז פון די שכנותדיקע פעלקער, ווען דער יידישער מאַסן־מענטש מיט זיין באַזונדערן און אָבגעזונדערטן אופן לעבן מוז אנטשיידן זיין גורל וואָס ליגט נישט מער אין זיינע אייגענע הענט.

עס איז דעמאָלט דער מרת־הדין פון דער נייער ציים וואָס גייט מיטן אייזערנעם טראָט פון מרידה און קאַמף איבער דער בלוט־אָנגעטרונקענער ערד פונם מזרח.

בנימין שלעווינס ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק“ געהער צו דער יידישער פּראָזע־ליטעראַטור פון יענער גורל־שווערער תקופה פון איבערוּך אין יידישן לעבן, געשריבן אין ניכטערנעם סטיל פון דער רעאַליסטישער פּראָזע־קונסט, מיט אַ רייכן פאַרנעם פון האַנדלונג און באַוועגונג פון די פאַרשוינען. אויבוואויל בנימין שלעווין איז אין זיין אופן שרייבן מער מאָלער פון בילד ווי דערציילער פון געשעענישן, איז אָבער די האַרמאָני פון דעם ווערק אַ פּסיכאָלאָגישע גאַנצקייט.

אין דעם בוך איז אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק יידיש לעבן אין פּוילן פון דער צייט פון סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז ביים סוף פון דער דייטשישער אָקופּאַציע און אין סאַמע ברען פון דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד. די רעוואָלוציע שטורעמט און וואַרפט אירע כוואַליעס איבער די גרעניצן קיין פּוילן און פאַרכאַפּט דעם קעמפערישן אימפּעט פון דער אידעאַליסטישער יידישער יוגנט. דאָס יידישע לעבן איז אין יענע שווערע טעג אין קלעם פון די סאָציאַל־אויפגעברויזטע כחות. דער אַלטער אידילישער לעבנס שטייגער איז צעשטערט דער אַלטער דור בלייבט אָן אַ באָדן אונטער די פיס און אין אַ שנאהדיקער סביבה, בעת די יוגנט זוכט איר נייעם וועג צו פרייקייט און ראַנגלט זיך מיט דער סביבה צו דערגרייכן די נייע וועלט.

בריסק איז די יידישע גרעניץ שטאָט צווישן ווייס־רוסלאַנד און פּוילן. אין דער אוקרייאינע בישעווען דעמאָלט די פּאָגראָמען פון פּעטלורעס באַנדעס — בעת די רויטע אַרמיי מאַשירט מיטן ציל צו דער פּוילישער גרעניץ אויף בריסק, צום טייך בוג און די פּוילישע אַרמיי האָט באַזעצט די שטאָט. די אַרומיקע געגנט איז געווען געחרובט פון קריג און די מענטשן האָבן זיך קערפּערלעך און גייסטיק געשיקט אין די חורבות:

„די פריליננגדיקע געוואַסערן האָבן פיר יאָר נאָכאַנאַנד געשווענקט דעם פאַרלאָזענעם ברעג. אַלע צעלעכצטע שליוזן און אַלע אויפגעריסענע בריקן פון טאָליקן, ניט רעגולירטן טייכן־סיסטעם האָט דאָס אומרואיקע וואַסער מיטגעשלעפּט אין נעלן מוטנעם בוג אַריין. די פינצטערע קופּע הייזער אויפן ליימיקן אַראָפּשיט אומגעפּרייט מיטן רוקן צום אָפענעם ווינט, איז געשטאַנען פאַרגאַסן ביז אין דער העלפט.

פון דער צוואַנג־אַרבעט ביי די דייטשן, אין די טיפע ביאַלאָוועזשער וועלדער, האָט זיך וועווע רימער אומגעקערט ערשט אין לינדן ניי־יאָר פון



1918 פון די קאַלטע, פאַרלייזיקטע באַראַקעס, אַרום די טאַרטאַק־שאָפּעס און כעמישע קאַרפּוסן, וועלכע זענען דאָרט אוועקגעשטעלט געוואָרן צו עקספּלאָטירן די וועלדער, האָט ער מיטגעברענגט אויף די איינגעצויגענע לענדן אַן אונטערגעשניטענעם רוסישן שינעל, אַ זלידנע ברעכעניש אין די הענט און פיס און אַ געלזוכט אויפן גאַנצן אויסגעמאָרטן לייב זיינעם. גאַנצע דריי וואָכן האָט ער דורכגעפיבערט אין הינערפּלעט דעם געפלעקטן טיפוס, וואָס איז דעמאָלט אומגעגאַנגען פון טיר צו טיר, אַריינפאַלנדיק אין קליינעם מיליטערישן לאַזאַרעט אויף דער סטאַנציע ביאַלאָוועזש. גלייך נאָכן ערשטן קריזיס, ווען ער האָט זיך נאָך קוים געהאַלטן אויף די אונטערגעבראָכענע קני, האָט ער זיך פאַרטאָג־צו שטיל אַדורכגעגליטשט די וואַך און איז אוועק צופוס אָפּזוכן זיין קליינע, פאַרלוירענע משפחה אין איינס פון די הילצערנע שטעטלעך אַרום די וועלדער“. — אַזוי הויבט זיך אָן דער ראָמאַן.

אין דעם תוכן־רייכן בוך האָבן מיר אַן אויסשניט פון דער אויפגעטרייסלטער צייט מיט די אַלע הפקרות׳ן פון די פאַרשידענע מיליטערישע און ציווילע „באַלעבאַטים“ אין די פּוילישע גרעניץ־געגנטן אווו עס שפּילן זיך אָב די טרויעריקע סצענעס פונם געחרובטן יידישן לעבן דעמאָלט.

דער הויפּט־פּאַרשוין פון דעם ראָמאַן, שיע, איז אַ לעבעדיק געשילדערטער טיפּ פון אַ בחור אַ בעל חלום מיט געפילרייכע איבערלעבונגען, וועלכער איז טראַגיש פאַרוויקלט אין דעם שווערן געראַנגל פון די דעמאָלטדיקע ביטערע טעג. די פיין פון זיין יידישער נשמה, איז אַ שווערע ירושה פון זיין אומעטיקער קרעמערישער „היים“ מיט די אַלע פאַרלוירענע יידישע מענטשן, וואָס פּלאָנטערן זיך אין דער טונקלער אָרעמקייט פון זיין סביבה און ווערן דערדריקט, געשליידערט און געשטויסן אין דעם געווירבל פון די קאַמפן.

„די טעג אין שטאָט זענען געווען אומרואיקע. די עטלעכע טאַרטאַקן און דאַמף־מילן האָבן ווייניק געאַרבעט. טאָג־לוינער אין צעקנעפּלטע רעקלעך, מיט וואָכנדיקע קאַשקעטן איבער די אויגן, האָבן זיך אונטער די דינע רעגנס געזאַמלט פאַר די קאַנטאָרן, אָפּגעזעסן אין די שטאָטישע סקווערן, געקליבן זיך פאַרן מאַגיסטראַט, וואו מען האָט זיי אויסגעטיילט קאַרגע גראָשנס פון דער אַרבעט־פאַרזיכערונג. אַרום דער קיך פאַר אַרבעטסלאָזע, וואָס איז לעצטן זומער אויפגעמאַכט געוואָרן, זענען אויסגעבראָכן געשלעגן צוליב אַ ביסל שיטערע זופּ, צוליב אַ שטיק ברויט. ביינאַכט האָבן זיך איבער די שאָסייען געטרייסלט אָנגעפּאַקטע פורלעך מיט אַרעסטירטע בחורים. דורך די נעכט זענען זיי געפּייניקט געוואָרן, און דער גרילצנדיקער גראַמעפאָן האָט פאַרטויבט זייערע געשרייען.“

אָדער אַזאַ בילד:

„אונטערן פאַרכמאַרעטן הימל האָבן מאַט אַ גלאַנץ־געטון צעפּאַכעטע שווערדן צווישן אומרואיק־געצוימטע פערד אופן ברוק, איז פּאַמעלעך געגאַנגען אַ בינטל מענטשן, אין פיר צעשאָטענע רייען. פון סאַמע הינטן

האָבן זיך ענג צוזאמענגעאַרעמט געהאַלטן צוויי מיידלעך, וועלכע האָבן מאָרגן געשמייכלט.“

אזוי אין געווען דאָס בילד פון יענער צייט.

דער הויפט־פּאַרשוין פון דעם בוך, שיע, איז אַ גוט געזעענער כאראקטער־טיפּ פונם שניט פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור פון דער בירגער־קריגס־צייט. ער אין גוט אַריינגעפּאַסט אין דעם געמעל פון דער פּאָליעסער לאַנדשאַפט און זיין דערשיינונג דערוועקט אַלע מאָל סימפּאַטיע. אויך די איבריקע פּאַרשוינען פון דעם ראָמאַן זענען פּלאַסטיש געשטאַלטיקט. און די האַנדלונגען וויקלען זיך אָב אויף אַ ברייטן פאַרנעם. אמת, אָפּטמאָל איז ב. שעלווין שוין אביסל צופיל באַריידעוודיק און שיטער אין זאַץ־געביי, אָבער מיט אַן איינגן אויג געזען און סוביעקטיוו, מיט פיינלעכן געפיל איבערגעלעבט. אויך די שטאַרקע השפּעה פון עלטערע שרייבער פון רעאַליסטישן זשאַנר, וואָס מערקט זיך אזוי בולט אין ב. שלעווינס ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק“ איז נישט קיין וויכטיקער חסרון, ווייל ס׳איז נישט קיין פּוסטער געקינצלטער „כאַפּ“ פון אימיטאַציע, נאָר דער ערלעך פאַראַרבעטער־וואָרט־קינסטלערישער סטיל פון דער רעאַליסטישער שול אין זיין איינגן־ליטעראַרישן שאַפן, וואָס פאַרנעמט זיכער זיין אָרט אין דער יידישער פּראָזע־ליטעראַטור פון יענער תקופה.

## אסתר קרייטמאַן

# א פאַר ווערטער צום דערשיינען פון „פאַריזער שריפטן“

ביי מיר אויפן טיש ליגט די ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפט, וואָס איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט לייענען.

איך קוק און קוק אויף דעם דאָזיקן וואָגיקן זשורנאַל און שטוין — פון־וואַנען שעפּן מיר אונדזער כוח? צו זענען מיר נישט אַ וואונדער פאָלק, אַנשטאָט אַ וואַנדער פאָלק?

צו זענען נישט די אַלע מיטבאַטייליגטע און פראַאַנטוואָרטלעכע פאַרן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן ערשטן נאָך־מלחמה־זשורנאַל אין פּאַריז — ריזן, פאַר וועמען מיר דאַרפן פּשוט בויגן די קעפּ אוים דרך ארץ?

יאָ, ריזן דאַרף מען זיין כדי זיך צו קענען דערהויבן צו אזא מדרגה; צו קענען שאַפן, צו קענען טראַכטן בלויז — און נאָך אינזינען צו האָבען צו שאַפן אַ בריק צווישן אייראָפּעאישן יידנטום; צו זאָרגן פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק, ווען זייערע אייגענע בלוטיקע וואונדן זענען נאָך אייטערדיק אָפן.

איך קוק אויף דער זאמלונג און ביי מיר אין הארצן ציטערט אַ לויבגעזאַנג, פלאַטערט אויף אזא הייסער וואונטש צו קענען אויסדריקן מיינע אמת׳ע געפילן פון דאַנקבאַרקייט צו די חברים מיינע, דערפאַר, וואָס זיי קענען זיין שטאַרק, דערפאַר וואָס זיי קענען זיך אַליין גובר זיין.



איך דערמאָן מיך, ווי בשעת איבער אונדזערע קעפּ דאָ אין לאָנדאָן זענען געפלויגן באָמבעס — איז געפלויגן דער טויט אַליין. אין סאַמע מיט פון דער בלוטיקער מלחמה — און דאָס ראַדיאָ האָט אונדז יעדן טאָג דערציילט פון נייע שחיטות, פון פרישע דעפּאָרטאַציעס אין די גאַז קאַמערן אריין, פון מיליאָנען שוועסטער און ברידער אונדזערע — האָט יעדער ציטער פון מיין הארץ אויפגעהערט. האָט פאַרשטיינערט יעדעס געפיל אין מיר, אַן אַפּאַטיע האָט זיך אַריינגעקליבן צו מיר און מיך נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין מענטש בכלל. איך בין שיער נישט געוואָרן ציניש פון לויטער האַס, וואָס איז געווען דאָס איינציקע געפיל וואָס איז מיר פאַרבליבן. עס איז אַ הרפּה אויסצוזאָגן, אָבער עס איז דער אמת.

בשום אופן האָט מיך נישט געקענט באַאומרואיקן דאָס, וואָס איבער אונדזערע קעפּ שפּילט זיך דער טויט מיטן לעבן אין כאַפּעלעך. וואָס פאַרא ווערט האָט שוין אזא לעבן? בין איך אפילו נישט געגאַנגען באַשיצן זיך קעגן די באָמבעס. זאָל מיט מיר געשען וואָס עס וויל.

און דאָ קומען מענטשן, וואָס האָבן נישט דורכ׳ן ראַדיאָ זיך דערוואוסט, וואָס מ׳האָט געטון מיט פאָלק ישראל, נאָר אויף אייגענעם לייב איבערגעלעבט אַלע שבעה מדורי גיהנם און זענען געבליבן שטאַרק.

עס הויבט זיך אָן דאָס זאמלבוך מיט אַן הזכרה — און ווי קען עס דען אַנדערש זיין?

איז דאָ אויסגערעכנט אַ צעטל נעמען פון דערמאָרדעטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון געשטאָרבענע אין קאַמף קעגן בלוטיקן נאַציזם, פון נישט צוריקגעקומענע פון דעפּאָרטאַציע — נעמען פון מיינע אייגענע חברים און פריינט און מיינע אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט אַנשטאָט טרערן און איך מוז מודה זיין,, אז נעמען שרייבן איצט אַ רעצענזיע איבער דעם דאָזיקן וויכטיקן זשורנאַל בין איך נישט בכח. צו נאָנט איז מיר אַלץ און איינן! אַ חוץ וואָס איך האָב צופיל באַציאונג צו דעם איכות און כמות פונם מאַטעריאַל דאָ, אז איך, זאָל זיך דערלויבן שרייבן בחפזונדיק, על רגל אחת איבער זייערע אַרבעטן.

איך וויל דאָ בלויז באַגריסן אייך, חברים פון רעדאַקציע־קאָלעגיע און מיטבאַטייליגטע אינם זשורנאַל! קודם כל צו דעם פאַראייניקטן פראָנט, וואָס איר האָט צווישן זיך געשאַפן: אָט דאָס וואָס איר האָט געזען די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פון צוזאַמענאַרבעט, פון שאַפן און בויען צוזאַמען, כדי אזויערנאָך אויפצוהאַלטן דעם קיום פון אונדזער פאָלק.

איך באַגריס אייך און ווינטש אייך גרוים דערפאָלג אין אייער זער וויכטיקער אַרבעט. זאָלן אייערע הענט זיין געבענטשט!

איך קוק אזוי אויף דער צייטשריפט און מחשבות קומען אין לאָזן נישט רוען.

אפשר — קלער איך — ווען דאָס אַלטע קלוגע פאָלק ישראל, דאָס עם הספר, זאָל געווען זיין פּראַקטישער (וואָס מען שרייבט אונדז אומזיסט צו): אָט דאָס אייביק־געפּלאָקטע פאָלק זאָל געווען פאַרשטיין די גרויסקייט פון

האַלטן זיך צוזאַמען אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן, נישט נאָר אין אַן עת צרה, וואָלטן מיר אפשר נישט געהאַט אַזעלכע פּאָעמען, ווי מ. שולשטיינס „כ'האָב געזען אַ באַרג". עס וואָלטן נישט מאַרשירט אין זיין פּאָעמע קיין פאַרבליבענע בערנער שיך — פאַרבליבענע ליידיקע שיך, וואָס וואַרפן אָן אַ גרויל און אַ פּחד.

משה שולשטיין איז אַ יונגער מענטש און ער וואָלט אפשר, אַנשטאָט איבערגעבליבענע שיך פון פאַרברענטע חתנים און כלות, געזען מיידלעך און בחורים אַרויסמאַרשירן האַנט־אין־האַנט געפלאָכטן ערגעץ אויף אַ פעלד אַרויס אונטערן פרייען הימל טאַנצנדיקע און זינגנדיקע.

און ער וואָלט מסתמא נישט געשריבן אַזאַ סוף צו זיין פּאָעמע:

און הערט, און הערט, ווער ס'פלעגט אַמאָל נישט ווען
דערהערן אונדזער גיין דורך טויטן־שוועלן,
איצט הערט, שטאָט-אויס, שטאָט־איין, —
מיר גייען — טויטער אָפּהילך פון אַ לעבן —
מיר ווען קיינמאָל אייך קיין רו נישט געבן
און גיין, און גיין, און גיין...

און מיר וואָלטן מסתמא נישט געהערט אברהם בערן דערציילן אונדז אין זיין פּאָעמע, אַז:

אַרום איר באַוועגן זיך מחנות יידישע מאַמעס
אַלע רחל'ס און לאה'ס
מיליאָנען לוויות
יעדע מאַמע טראָגט אַ שאַרבן פון אַ קינד
ליינט עס אַוועק און פאַרשווינדט.
ס'איז יעדער שאַרבן אַ ראַפּאָרט:
נישט געשטאָרבן, נאָר נאַצישער מאָרד!

אברהם בערן וואָלט אונדז אפשר נאָר דערציילט אין זיינס אַ פּאָעמע פון יידישע מאַמעס, וואָס פירן אַרויס לעבעדיקע קינדער אויפן פעלד, לייגן זיי אַוועק מיט אַקוש אויף שמעקעדיק גראָז, אונטער העלער זון, כדי ס'זאָל דאָרט שלאָפן אַ געזונטן שלאָף, בשעת זי אַליין וועט איינזאַמלען די ירקות ערגעץ אין אַ פּאַלעסטינע אָדער אַ ביראָ־בידזשאַן...

און בנימין שלעווין וואָלט אונדז אפשר נישט דערציילט אין זיין ראָמאַן „דער יידישער בעלוויל" פון קיין בלייכע צעשראָקענע יונגעלייט, וואָס לאָזן זיך אַוועקפירן מיט וואַליזקעלעך אין די הענט ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אַטילע אין פּאַריז, פייניקן זיך ביי פרעמדע פּאַכן.

ער וואָלט אונדז אפשר נאָר דערציילט פון יידישע יונגעלייט, וואָס קומען אין וואַקאַציע־צייט קיין פּאַריז, אַזוי ווי עס טוען יונגעלייט ביי אַנדערע פעל־קער — אַ לעב טון.

עס איז פיזיש אוממעגלעך צו ציטירן דאָ, אָדער דערמאָנען אפילו בלויז אַלע אַרטיקלען, פּאָעמען, רעצענזיעס א.א.וו. וואָס זענען פאַראַנען אין דער



דאָזיקער וויכטיקער זאַמלונג. וויכטיק צוליב דעם הויכן ניוואָ פון די אַר־בעטן און נאָך וויכטיקער צוליב דעם וואָס שרייבער פון אַלע שאַטירונגען האָבן זיך פאַראייניקט אָפּגעטרייסלט דאָס נאַצישע מיסט, אויסערלעך אָפּגע־טריקנט זיך די וואונדן, אויסגעגלייכט זיך און אַרויסגעגעבן אָט די וואָגיקע זאַמלונג.

איך לייען און שטוין פּאַריז, וואָס איז געלעגן 4 יאָר אונטער דער נאַצישער האַק און די בלוטיקע האַק האָט זיך קודם כל אַראָפּגעלאָזט איבער אונדזערע־זייערע יידישע קעפּ אויסגעקוילעט אונדזערע וואָרט־זאָגער אָט דאָס פּאַריז האָט געקענט אַזוינס באַווייזן!

אויף וואָס פאַראַ הויכער גייסטיקער ניוואָ דאַרף שטיין אַ פאָלק? דאַרפן שטיין, מענטשן אַז זיי זאָלן נישט משוגע ווערן פון אַזוי פיל ענויים קשים, נאָר אויפהאַלטן דעם גייסטיקן באַלאַנס אפילו דעמאָלט, ווען מ'פייניקט זיי אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווען זיי מוזן מיט זייערע אייגענע אויגן צו־קוקן ווי מ'פאַרברענט זייערע אייגענע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער און קליינע קינדער אין גאַז־אויוונס, ווי מ'באַגראָבט זיי לעבעדי־קערהייט.

וויפל דרך ארץ, וויפל יראת הכבוד, קען — מוז — פאַר זיך האָבן אַ פאָלק, וואָס האָט אַזאַ גייסטיקע גבורה. מען ווערט ביי זיך פשוט שטאָלץ, וואָס מ'האָט דעם כבוד צו זיין אַ קינד פון דעם אַלטן, געפּרואווטן גרייז־ישראל!

## משה עובד

# א ווינקלשטיין

(איבערלעבונגען)

ס'זיינען פאַראַן איבערלעבונגען טיף אויפגעשריבן אין הארץ, וואָס לאָזן דעם שרייבער נישט צו רו, ביז ער שרייבט זיי נישט איבער פאַר די וועלט צו לייענען.

זיי קומען אים צו חלום שלאָפנדיק און וואַכנדיק, זיי פייניקן אים ווי ביינער אין האַלדז, ווי נאָדלען אין פּיפּיק, זיי לאָזן אים נישט לעבן און נישט שטאַרבן, זיי לאָזן אים נישט אפילו ווערן איבערגעפּאָרן, אַזוי לאַנג ווי ער איבערשרייבט זיי נישט. איינס פון די איבערלעבענישן מוז איך איצט איבערשרייבן.

געטראָפן האָט עס אין אַ ווינטער אָוונט אין יאָר 1925. פון אויסנ־ווייניק איז לאָנדאָן געווען באַשאָטן ווי אַ חתונה־קוכן מיט — שניי. איבערן שניי האָט גערוט אַ ממשותלאָזער שוואַרצער גאָרנישט, וואָס האָט דערגרייכט אַזש צו דער לבנה. און די לבנה פון איר געוועלב האָט דעם שוואַרצן גאָר־נישט געלעכערט און אַריין אין מענטשנס אויגן.

אינווייניק אין מיין געוועלב, בין איך געשטאַנען ביי מיין ציילטיש, מיין פעלז פון ליידנשאַפטלעכן גאָלד און פון קלוגן זילבער, און אויף דער

צווייטער זייט איז געשטאַנען ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן אַן אַלטע צוי־קנייטשטע ענגלישע פרוי אין די זיבעציקער און פון יעדן קנייטש האָט אַרויסגעשיינט אַ קינדערישער שמייכל. איבער איר שניי־ווייסן קאָפּ האָט אַן אַלט עלעקטרישער לעמפּל געלויכטן. אין אירע העל־בלאָע מיט־טאָג אויגן האָבן אַדורכגעדרונגען מיינע שוואַרץ־ברוינע בין השמשות־אויגן און גע־גאָסן צוויי עמערס זון אין מיין האַרצן אַריין.

איז עס דען אַ וואונדער, וואָס מענטשן אפילו די אומגליקלעכסטע האָבן אַזאַ חשק צום לעבן? ס׳לעבן געפינט זיך דאָך אין אַזאַ וואונדערוועלט אין וועלכער אַן אומגליקלעך־ניכטערער קאָן טיילמאָל האָבן ס׳גליק צו באַגעגענען אַ ווילד־פרעמדן אין דער פרעמדער זאָל קענען מיט עטלעכע בליקן דיך פאַר־שיכורן, צוויי קריגלעך ווין אַריינגיסן אין דיין האַרץ, נישט טראָפּנווייז, נאָר אין איין מעכטיקן כליאָפּ!

אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַגעגנט און געוואָרן פון פריינדשאַפט — פאַר־שיכורט פון אייביק ביז אייביק.

און אַזוי ווי זי שטייט באַצויבערט און באַצויבערנדיק, באַמערק איך אין שכנות פון איר חופּה-וקדושין־רינגל אַ גאָלדען רינגעלע מיט אַ בלאָען סאַפּיר אויף יעדער זייט און אין מיטן אַ פוסטער חלל.

פרעג איך זי, האָסטו פאַרלוירן ס׳שטיינדל?

— יאָ, ענטפערט זי און זיפצט טיף, אָ!

— איך קען עס דיר אויסהיילן, דיר אַריינשטעלן אַן אַנדערס, זאָג איך.

—אָ! זיפצט זי, עס איז אַ צו אַלטע וואונד און נאָך אַזוי פריש. ניין! נישט אויסהיילבאַר.

——זעסטו, רעדט זי ווייטער, ווייזנדיק אויף דעם רינגל דאָס איז אַ טרוי־עריקע געשיכטע און איך וועל זי דיר דערציילן:

„מיט אַכטאונפערציק יאָר צוריק האָב איך געהאַט אַ מיידעלע, פונקט צום ערשטן געבורטס־טאָג איז זי מיר געשטאָרבן. ברענענדיק זי צו קבורה, און שטייענדיק איבערן אָפענעם קבר, איז דאָס דימאַנטעלע אַרויסגעפלויגן און אַריין אין אָפענעם קבר. שוין אַכטאונפערציק יאָר ווי מיין טייערער מאַן בעט זיך ביי מיר: נעם דאָס רינגל צו אַ יואוועליר, לאָז אַריינשטעלן אַ שטיינדעל, דו קלערסט דאָך צופיל, עס דערמאָנט דיך דאָך צו פיל. אָבער וויאַזוי האָב איך געקאָנט נעמען דאָס רינגל וואָס איז מיר אַזוי הייליק, צו סתם אַ יוועליר? אָבער מיט דיר פיל איך, קען איך עס איבערלאָזן און שטעל מיר אַ דימאַנטל אַריין. ניין, איך מיין, איך וועל זיך בעסער ערשט באַראַטן מיט מיין מאַן.

— יאָ, טאַקע פיל בעסער — זאָג איך, און זי גייט אַוועק.

אַ וואָך שפּעטער דערהאַלט איך אַ פּאַקעטל, עפן עס אויף און געפין אין אַ שטרייכהעלץ שאַכטעלע דאָס רינגעלע און די ווערטער אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר:

„ס׳טוט מיר לייד דיר מודיע צו זיין, אַז מיין ליבע פרוי איז היינט גע־



שטאָרבן, די לוויה וועט זיין איבערמאָרגן. די לעצטע ווערטער אירע זיינען געווען, שיק דאָס רינגעלע צו מיין פריינד, ער זאָל דאַרין אַ שטיינדעלע אַריינ־זעצן". איך האָב זאָפאָרט אַ דימאַנטעלע דאַרין אַריינגעפאַסט און דאָס רינגעלע איז געוואָרן געבראַכט צו קבורה צוזאַמען מיט איר.

טויזנטער מענטשן האָב איך שוין באַגעגנט אויף מיין זעכציג־יעריקער רייזע אַ סך פון זיי געקאָנט יאָרן לאַנג, דאָך האָבן זיי קיינמאָל אין מיין האַרץ וואָס האָט אַזוי פיל רוים, נישט געוואוינט. און איך האָב זיך קיינ־מאָל נישט אַריינגעצווינגן אין זייערע הערצער, כאָטש אויסערלעך זיינען זיי געווען אַזוי פּרעכטיק און אינערלעך אַזוי שיין מעבלירט. און די יונג־אַלטע פרוי, יונג ווי איר קינד און אַלט ווי דער טויט, ווי האָב איך נאָר איינאיינציק מאָל געזען, בלויז איין גענענזייטיקע האַלבע שעה מיט איר זיך געטיילט, און זי איז אין הויז פון מיין זכרון אַ ליכטיק פענצטער און אַ ווינקלשטיין.

## אַ יידישער זעלנער אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט

(פראַגמענטן אַרויסגענומען פון זיין בוך לידער)

### פון ליד „געבאַט"

אין ברענענדיקע אויוונס האָט מען געקאָכט אין ערדענעם טאָפּ,
ער איז נישט צעגאַנגען,
ווייל ער איז שוין געברענט געוואָרן.
עס ווערט געברענט און געטראָטן יעדער קאָפּ
פון דעם וואַנדער־פאָלק, דאָך זיינען זיי ניט אונטערגעגאַנגען,
ווייל פאַר טויזנדער יאָרן
איז אין אויוון געווען אונזער זיידע,
מיט גאַנצע הערצער אויסגעפירט די עקרה.

### פון דער אידיליע „זומער און ווינטער"

גייען רייען
מיט סערפּן קאָשעס גראַבלעס,
גייען אַרמייען
מיט ביקסן קאַנאָנען שאַבלעס;
מען שניידט פעלדער פאַר מענטשן,
מען שניידט מענטשן פאַר פעלדער,
אויפגעזאַמלט די פעלד־שניט
אין שייערן אין שטיבער,
אויפגעזאַמלט די הייזער־שניט
אין די גריבער.

### פון דער פּאָעמע „ווילנע ירושלים דליטא"

פאַרוואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דער פרוכט־בוים,
פאַרוואָס נישט באַשיצט — אפילו ווילנע וואָלט געווען סדום!

נישט צעבראָכן די שחיטה-וואָג,
וואָס האָט אויפגעהויבן די פוסטע הערצער־גאָר הויך
און די פולע מיט מצות ווי מילגרוימען צו דער ערד,
ליגן ווייסגעלייגט געשאָכטענע עלטערן מיט קינדער אין איין טאָג.

די דאָזיקע דריי אָפּגעדרוקטע פראַגמענטן ווילן נישט פאָרשטעלן מיט זיך אַן ערשטן אַרויסטריט פון אַ צוקונפטיקן יידישן פּאָעט, — כאָטש מעגלעך אַז זיי זיינען דווקא דאָס אויך! — זיי ווילן נאָר דינען ווי נאָך אַ באַווייז, אַז דיכטונג פאָרמען פון דיכטונג איז סטימול, איז תפילה פּאַרו פאַרלוירענעם מענטשלעכן הארץ, אים אַרויסצוהעלפן פון זיינע שוועריקייטן, אים אָפּצוראַטעווען אין זיין פינסטערסטן געמיט־מצב.

און נאָך עפּעס! אַז אונזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז המשך: דירעקט פון תהלים, פון סידור; פון דער בית המדרש באַנק, פון דער גמרא אַוועק קאָן דאָס הארץ זיך אויסגיסן מיט יידישע ווערטער צוגעפינען אַ תיקון, קאָן עס זיך שכלדיק אויספירן מיט גראָד שטעשקעלע, וועלכע פירן צום לעבן. און פאַרוואָרפן אין שאול תחתיה שוין עפנט זיך אויף דאָס הארץ ווי אַן ארון־קודש, עס איינצורייסן, געהאָלפן צו ווערן, אָפּגעראַטעוועט צו ווערן.

און האָט רבי יצחק לוי פון בערדיטשעוו זיך נישט אויסגעשמועסט פּה־אל־פּה מיט גאָט כביכול אויף מאַמע לשון און אויסגעפירט דאָס זייניקע? און האָט דער דובנער מגיד מיט זיינס אַ פּראָסט משל ניט געשטילט די פאַרביטערטע הערער און פול מיט קשיות פרעגנדיקע מוחות פון געפּאַקטע שולן און בתי־מדרשים פול מיט יידן?

זיכער מוז מען האָבן, היינט צו טאָג, פיינקייט פון לשון, קולטור־ראַפּענירטקייט, שפּראַך־קענטניש און מאָדערנע פאָרעם טעכניק, עס גענוגט נישט שטימונג, געפיל אליין, באַוואוסט צי אומבאַוואוסט געגראַמט, אַז ס'זאָל ווערן געפאָרעמט ליד. אָבער אַז דער פאַרמוטשעטער פאַרדאָרשטיקטער, אין וויסטן מדבר דערגראָבט זיך אליין צו אַ קוואַל דאָס אויסגייענדיקע הארץ זיינס צו דערקוויקן און גיט נאָך אַנאַנדערן דערפון צו טרינקן — עס שטעלט זיך נישט דעמאָלט די פראַגע דער גראַד לויטערקייט דערפון און די אָפּגעשטאַנענקייט! אויך די דאָזיקע דריי אָפּגעדרוקטע סטראָפעס האָב איך נאָר פון דעם נאָך נישט גאַנץ אָפּגעשטאַנענעם קוואַל אַרויסגעשעפּט און זיי זיינען געווען דערקוויקענדיק אויך נאָך פאַר מיינע ליפּן.

איך וועל עס פּרוּוון אויפצושרייבן, מער ווייניקער, גענוי ווי עס איז געשען, ווי אַזוי די דאָזיקע דריי סטראָפעס זיינען געקומען צו מיר, ווייל אפשר שטעקט גראָד אין דעם די וויכטיקייט.

* * *

קומען אַרויף צו מיר צוויי סאָלדאַטן און איינער פון זיי ווייזט אָן אויף דעם צווייטן, זיין חבר, און שטעלט אים פאָרמעל פאָר: דאָס איז אליהו בלאָך. ער איז אַ ווילנער, געווען 5 יאָר אין דייטשן געפאַנגען־לאַגער, ער קומט צו אייך פאָרצולייענען פון זיין בוך, וואָס ער האָט געשריבן פאַר אונז געפאַנגענע



יידישע סאָלדאַטן און פאָרגעלייענט פאַר אונז אין אונזערע מנוחה־שעהן. מיר האָבן עפּעס אַנדערש גייסטיקעס נישט געהאַט. ער וויל עס פאַר אייך פאָר־לייענען צו וויסן אויב די זאַכן האָבן אַ ליטעראַרישן ווערט. אָפּגעזאָגט די ווערטער, די איינגעחזרטע־אָפּגעציילטע מיט אַ מאַנאָטאָנער דרך־ארצקייט, ערנסט און עפּעס ווי אַ מין שליחות, דרייט ער זיך אויס, דער איינער פון די צוויי סאָלדאַטן, דער פאָרשטעלער, און איידער וואָס ווען איז ער נעלם געוואָרן. איך בלייב אליין מיט דעם אַנדערן.

אָבער נישט מיט אַ סאָלדאַט נאָר מיט אַן אויסגעאיידעלטן בחור, אַקאָרשט אַרויס פון דער ישיבה, נאָר אָנגעטון אין זעלנערישע קליידער. פון זיין פּנים, פון זיינע אויגן, פון אַלע זיינע אויסגעווירטע שטילע תנועות שפּירט זיך גייסטיקע אחריות, פאַרהאַלטעוועטע אין 5 יאָר פון דייטשער געפאַנגענשאַפט פון אַ יידישן זעלנער. —

אַ ווילנער ישיבה־בחור, אַ מוסרניק, מיט דער ווילנער ליטווישער טראַדיציע פון שטילער עקשנות, וועלכער האָט אין די 5 יאָר קיין מינוט נישט באַלעמוטשעט, נישט מפסיק געווען: ער האָט אין די 5 יאָר געפאַנגענשאַפט אדורכגעפירט זיין תורת־המוסר־מעטאָדע אין דער פּראַקטיק, על צד היותר טוב — ער איז געווען נכנס בשלום ויצא בשלום!

דער ערנסט פון דעם אָט־וואָס נעלם געוואָרענעם חבר זיינעם, דער מאָנאָטאָנער דרך־ארצדיקער טאָן, וועלכער איז גראָד דווקא יאָ געבליב מיר אין די אויערן און דאָס שנעלע און באַוואוסטע פאַרשווינדן, בכדי אים צו לאָזן אליין מיט מיר; און דאָס גאָר־ערנסטע אויסזען, דאָס אליהודיקע פּנים סאָלדאַט בלאָך, וועלכער איז געבליבן שטיין קיינגאיבער מיר, זאַכלעך ליטוויש, אָן יעטווידער געמאַכטער סענטימענטאַלקייט, צו וואָס איך, ווי אַ פּוילישער ייד, בין דווקא יאָ אַביסעלע גענייגט, האָבן מיר אָפּגענומען יעדער סענטימענטאַלער געריטקייט, וואָס מ'פילט בשעת מ'זעט אַ יידן, וואָס קומט פון אַ דייטשער קאָנצענטראַציע־לאַגער. יעדע נאַטירלעכע נייגעריקייט פון אויספרעגן פון זיך ערקונדיקן, איך האָב דערפילט אין מיר די סאָלדאַטישע אחריות און די שליחות פון אָט די צוויי בחורים, איך בין געוואָרן איינער פון זיי, און מיר האָבן זיך תיכף געזעצט צום טיש צו לייענען די געשריבענע יידישע לידער אין אַ דייטשן לאַגער אונטער נאַצי־הערשאַפט, געוואויר צו ווערן, צו וויסן אויב די זאַכן האָבן אַ „ליטעראַרישן“ ווערט.

* * *

פאַר אונזערע אויגן ליגט אַ דיקלעך אין טאָוועלעך איינגעבונדן ביכעלע, יעדעס זייטל איז פול באַשריבן מיט קורצע שורות מיט אַ בליישטיפט — ניין, נישט קיין ביכל, אַ ספר, אַ הייליק ספר! און עס איז אויך איינגעטיילט לויטן סדר און מעטאָד פון די פון די מוסר-ספרים, לויטן א. ב., בכדי לייכטער צו קענען געפינען דעם ענין וועלכן מ'האָט נויטיק מעין צו זיין, אָדער צו לייענען אין פּאַסיקן מאָמענט.

איך הער מיך צו צום מאָנאָטאָנעם קול פונם לייענער, קוק מיך איין אין

זיין ערנסטן פּנים און הער מיך גוט צו צום אינהאַלט :—שכלדיקע קלוגקייטן, פּשוטע צדענטלעכקייט, משלים, וואָס ווירקן צו מאָראַלישער שטאַרקייט, צו גלויבן, תּלמיד־חכמים׳דיקע שיחות־חולין וואָס ווילן אויפהאַלטן דעם פאַר־מאַטערטן און פאַריאושדיקן. עס גראַמט זיך צום טאַקט (נישט צום ריטם), מאַנכע וועגדונגען זייער געלונגענע, יערע טעמע אדורכגעפירט על צד היותר טוב — ס׳איז דאָך ווילנע די שטאָט פון אליקים צענזור! פון א. מ. דיק!!

אבּיסעלע בין איך ענטוישט : מיטן אריינגענומען ווערן אינם שותּפות, געוואָרן איינער פון די דריי ביים אדורכפירן דאָס מיסטעריעזע שליחות, האָב איך שוין אויך אָנגעהויבן צו האָפן אויף עפּעס : ווער ווייסט אפשר האָט א קינסטלערייש אויג אין זיין נסיונדיק צער דערזען נייע בילדער ; מיט זיינע פאַרמאַכטע תּפילהדיקע אויגן ביזן האַרצן אריין זיי טיף פאַרקוועטשט... נייע פּלוצלימדיקע התגלות־וועגדונגען אין נייע נאַטירלעכע קאָמבינאַציע פאָרמען... האָט עס דאָך דערלעבט די איבערנאַטירלעכע קאָמבינאַציעס פון יידישע ליידן און נסיונות... נייע בילדער! אליין געזעענע! פון דער נאַטור, פונם האַרץ אַרויסגענומענע, נישט ליטעראַריש־ביכלדיקע...

איך טאָר אָבער מיין ענטוישונג נישט אַרויסווייזן, איך מוז מיין פאַר־מערישן און פלאַסטישן קולט אין מיר טיף באַהאַלטן ווייל פאַר מיר זיצט א פרומער בית־המדרש־בחור פון ירושלים־דליטא — — —און אזוי ווייטער הערנדיק, אָבער מער דאָס קול שוין ווי דעם אינהאַלט ווערט מיר אַלצדינג אזוי פּשוט קלאָר : פון ווילנע קומט ער דאָך, פון דער שטאָט פונם „ייוואָ“, פון דער עיר ואם בישראל! „יונג־ווילנע“ איז געווען מער ווי א וואָרט, עס האָט האָט געהאַט א באַדייט און געוועקט טיפן דרך ארץ—א מענטש וואָס קומט פון אַזא ירושלים שטאָט וואַרפט זיך נישט מיט יידישע קולטור, מיט יידישע ליטעראַטור — — א ווילנער ייד וואַרפט זיך נישט מיט יידישן שאַפן! און אויף דעם, אפּנים איז ער אַרויפגעקומען צו מיר, אָן שום פּניות, שטיל און פּשוט מיט זיין ליטווישער ערנסקייט, ווייל ער וויל וויסן, אויב דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן, דאָס וואָס איז פאַר א סך פון זיי, פון די מלחמה געפאַנגענע סאָלדאַטן, געווען גייסטיקע שפּייז — צי האָט אָט דאָס אָנגעשריבענע עפּעס א ווערט, א קולטורעלן א ליטעראַרישן — — — —

איך האָב מיין פּראָפּעסיאָנעלן ערנסט און אחריות אויסגעהאַלטן ביזן סוף און אים דערציילט מיין פּערזענלעכע ענטוישונג — ער האָט מיט קאָפּ צוגע־הערט און נישט ענטוישט געוואָרן! ער האָט פאַרשטאַנען! ער האָט עס פאַר־שטאַנען מיט א קלוג שכלדיק שמייכעלע ; מיט א פרום הייליק שמייכעלע.

ער האָט׳ אויך פאַרשטאַנען מיט א שמייכעל מיינע ווערטער : אז אויב ער וויל פאַרבוינגן דאָס בלאַט־גמרא און זיך נעמען מיט התמדה צו שטודירן אונזער מאָדערנע ליטעראַטור קאָן ער מיט דער צייט ווערן א „ליטעראַט“. און דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן, כאָטש עס קען נאָך נישט פאַרעכנט ווערן פאַר א ליטעראַריש ווערק, איז עס אָבער ווערט אויפבאַהאַלטן צו ווערן ווי א וויכ־טיקער עקזעמפּליאַר אין „ייוואָ“.

**א.נ.ש.**





מיר דרוקן אָפּ דאָס ערשטע בילד ,פון דעם ערשטן אַקט פון דעם שטיק „דער צדיק פון מיראַנדאַ“ (א יידיש לעבנס־בילד אין דריי אַקטן און זעק בילדער) פון סטאַף־סערזשאַנט ישראל חיים קלינגער.

## י. ח. קלינגער

# דער צדיק פון מיראַנדאַ

### סצענע

ביי ר׳ יאָשען אין דער גרויסער שטוב, מוצאי־שבת א מלוה־מלכה. א לאַנגער און שמאָלער טיש מיט א העלן, בלוי־ווייסן טישטוך באַדעקט. איבערן טיש א גרויסער מיט 12 רערן מעשענער הענגלייכטער מיט אָנגצונ־דענע ליכט. אויפן טיש זילבערנע לייכטער און מעשענע לייכטער מיט ליכט. אַרום טיש די חסידים און אויבנאָן דער רבי הערש־מיילעך און ביי זיין לינ־קער האַנט שטייט מער ווי זיצט זיין זונדל לאַזערקע. אין איין זייט אויף א געשטעל איז אויפגעשלאָגן א פעסל ביר, ביי דער זייט, ביר־גלעזער און ביר פלעשער. פונם צאַפּן ביים פעסעלע מיט ביר טריפט, טראָפּנווייז, ביר אין דער אונטערגעשטעלטער שיסל אריין. אויפן טיש אָנגעשניטענע חלות, מוציאס. ס׳קומען פון צייט צו צייט נאָך אריין פאַרשפּעטיקטע חסידים, מיט א פריילעכן „גוט־וואָך!“ זעצן זיי זיך צום טיש. מען פּראַוועט די מלוה־מלכה לכבוד דעם ביליקאָמענערס־יאָרצייט. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף זיצן אַלע אַרום טיש און א זיסער ניגון אָן ווערטער פילט אָן די שטוב. פון דער רעכטער זייט איז אָן אָפענע גלעזערנע טיר, ביי וועלכער עס זיצן און

שטייען, אין דערנעבנדיקן צימער, פרויען, די רביצין און די באַלעבאָסטע אַלע אָנגעטון שבתדיק, אַזוי ווי חסידיש־יידישע פרויען טוען זיך אָן.

דער ניגון ציט זיך עטלעכע מינוט אין דריי וואַריציעס און דערגייט צו ווערטער.

רבי הערש־מײלעך: (זינגט מיט ווערטער און די חסידים אַרום העלפן צו)

וטהר לבנו לעבדך באמת,
לעבדך, לעבדך באמת — (ערשטער וואַריאַנט)
וטהר לבנו לעבדך באמת,
לעבדך, לעבדך באמת — (צווייטער וואַריאַנט)
אוי, וטהר לבנו
לעבדך, לעבדך באמת — (דריטער וואַריאַנט)

אַלע: (דעם פערטן וואַריאַנט) (בים)!

מען דערהערט פון דרויסן אַ פריילעך געזאַנג פון „וטהר לבנו“ און עס פאַלט אַריין אַ פאַרשפּעטיקטער

ר' דודל שטריקנדרייער: אַזוי! נישט קיין צייט געהאַט צו וואַרטן מיטן באַרשט אויף מיר, אויף דודל שטריקנדרייער, אַ־וואַ! גוט־וואָך, יידן! גוט־וואָך, ר' יאָשע! (אַ רגע שווייגעניש; כאַפּט אַ קוק אויפן טיש אין די ליידיקע טעלער אַריין און צערערט זיך היימיש) סאָניע, די באַלעבאָסטע וואו איז? פאַרוואָס נאָך נישט דערלאַנגט דעם ביליקאָמענערס געפעפערטן אַרבעס, פאַרוואָס? (לויפט צו צו דער רעכטער טיר וואו די ווייבער קוקן אַריין, און אויפן קול) גייט אַוועק ווייבער, לאָזט אַרורכגיין, לאָזט! (די פרויען רוקן זיך אַוועק פון ביידע זייטן און דודל לויפט אַריין אין אַנדערן חדר, קומט באַלד צוריק מיט אַ פאַרטוך פון פאַרנט אַרומגעבונדן. די יאַרמולקע הויך אויפגעשטעלט, ווי אַ ספּאָדיק, אָן דעם שטריימל און אין בייד הענט צו דריי טעלערס געפעפערטן אַרבעס) אַזוי, איצט נאָך צו גלעזער ביר און מירן טרינקען צום רבין. (הויבט אויף ס'גלאָז ביר) לחיים, יידן! זאָל זיין זכות אונז ביישטיין און לאָמיר זוכה זיין אָקיינגנצוגיין משיחן! לחיים, רב הערש־מײלעך, לחיים, אַלע יידן, לחיים! (מיט איין צי טרינקט ער אויס ס'גלאָז ביר און נעמט ווייטער אַריינברענגען אַרבס און טיילן צום טיש ביר).

לאַזורקע: (צו דודלען בשעת יענער וויל עפּעס זאָגן) שע, שע, שאַ, שטיל! ד'רבי'ט זאָגן... (עס ווערט שטיל, גאָר שטיל, אַ חוץ וואָס מען זופּט ביר און מען כאַפּט מיט די הענט פון טעלער געפעפערטן אַרבעס).

רבי הערש־מײלעך: (מיט אַ גרויסן, רויטן שנופּטוך אין האַנט, נעמט רעדן) ...די וועלט האָט ליב מגזם צו זיין. מיין עלטער זיידע, דער ביליקאמענער, ר' נחומקע, זכותו יגן עלינו, האָט זי שטענדיק געשראָקן פאַר דער וועלטס גוזמאות. ער האָט אייביק געהאַט ביטערע טענות צו די חסידים זיינע, וואָס האָבן זיך מיט אים געגרויסט און געוואָלט באַרימען, אויפצואווייזן, אַז ער איז גרעסער פון אַנדערע גוטע יידן. — טאָמער האָט



ער אַמאָל געהערט, אַז זיינע חסידים רעדן איבער זיינע מופתים, פלעגט ער האָבן גרויס עגמת־נפש דערפון. און איינטענהן מיט זיי: „הלמאי, וואָס האָט איר זיך אָנגעלייגט אויף מיר? ! מאַכט מיך נישט פאַר קיין בעל־מופת; איך בין עס נישט! — איך בין אַ קראַנקער, צעבראָכענער ייד, וואָס האָט אָפּגעפּטרט אַ לעבן און נישט געדינט דעם רבונו־של־עולם. גייט, גייט אייך פון מיר — האָט ער געטריבן זיינע חסידים — גייט צום ריזשינער, גייט אייך צום בעלזער, גייט צו ר' לייבישלען ברעזשאַנער! גייט צו זיי! זיי זענען הייליקע נשמות; זיי קאָנען עפּעס אויפטון, נישט איך!“ ער פלעגט דערביי אַ שווערן קרעכץ טון, ווייל געווען איז ער אַ שוואַכינקער, אַ בינטל טרוקענע ביינער, קיינמאָל, אַ חוץ משבת לשבת, קיין פלייש נישט טועם געווען. פערציק יאָר כסדר געפאַסט. ווען אַמאָל ר'איז אַוועק אין מקווה אַריין, איז אַריין דער גבאי־שני זיינער און געוואָלט אים מאַכן באַקוועמער זיין בעט, איז ווי נאָר ר'אָט אויפגעהויבן די קאָלדרע, איז ער געבליבן אָן לשון עטלעכע מינוט; אָנשטאָט אַ שטרוי־זאַק זענען געלעגן שטיינער, אויף וועלכע ער איז זיינע אַלע יאָרן געשלאָפן. (מאַכט אַן איבערגאַנג) מילא, אַז ס'הטאָ אים נישט געהאָלפן דאָס טרייבן איז קלאָר. יידן האָבן אַ חוש און האָבן גוט געפילט די גרויסקייט פון זייער רבין. (פויזע. אַרום איז שטיל. די ווייבער ביי דער טיר שושקען זיך און טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער, אויסהערנדיק דעם רבינס דערציילן מיט גרוים התפעלות) — מע דערציילט, אַז אַמאָל איז פון מרחקים, פון אַ כרך, געקומען צו אים אַ יידענע, באַהאַנגען מיט גאָלד און מיט פערל און געוואָלט דערלאַנגען דעם רבין אַ קוויטל מיט אַ וואָזשנעם פּדיון. אָבער, ווי נאָר זי האָט אַוועקגעשטעלט איר פוס איבערן זיידנס שוועל, האָט ער אַ רוף געטון צום משמש, ר' אפרים־זלמן, זכותו יגן עלינו, — אויך געווען אַ צדיק — און אויסגעשריגן: „אפרים־זלמן, לאָז זי נישט אַריין! איר מאַן לייגט נישט קיין תפילין!!!“ די יידענע, דערהערנדיק דאָס, איז צערשט געפאַלן אין חלשות און ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געוויינט און טענהט: „היתכן רבי, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? איך אַליין מיט מיינע אייגענע הענט לייג אים דאָך אַריין דעם טלית־און־תפילין אינעם תפילין־זאַק צו יעדערער נסיעה, וואָס ער מאַכט; מיין מאַן, זאָל לעבן, און געזונט זיין, איז אַ רייזנדער און ער קומט אַלע דריי חדשים אהיים פון זיינע רייזעס — אַן ערלעכער, פרומער ייד מיין מאַן“...

„הער, כשרה יידישע טאָכטער“, האָט דער רבי מיט אַ געבראָכן געמיט צו איר זיך אָפּגערופן, „ווען נחום ביליקאמענער זאָגט עפּעס איז עס אמת. נחום בן בילה־בינה בת ר' מרדכי־אריה מאַכט נישט קיין בלבולים אויף יידן! — וועסט אהיימפאָרן און דיין מאַן וועט באַלד קומען פון דער רייזע, וועסטו אים, פאַרן אַוועקפאָרן, אַריינלייגן דאָס

ציין־בערשטעלע מיטן האַנטוך אינעם תפילין־זעקל אינאיינעם מיט די תפילין וועסטו זעען"...

וכך הוה. די יידענע האָט געפאָלגט און געטון וואָס דער רבי האָט געהייסן. און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? — פונקט צום חודש באַקומט זי פונם מאַן אַ בריוו מיט אַ פּאַרוואורף, בכן זי איז נישט קיין באַלעבאָסטע; ער האָט געמוזט קויפן אַ ניי ציין־בעשטעלע מיט אַ האַנטוך, ווייל זי, זיין געטרייע אשת־חיל, האָט פאַרגעסן אים מיטצוגעבן ס'ציין־בערשטעלע מיטן האַנטוך. (פויזע).

ר' דודל שטריקנדרייער: ני, ני, איז וואָס זשע איז געשעען?

רבי הערש־מיילעך: די יידענע איז באַלד געקומען מיטן מאַנס בריוול צום רבין, בעטנדיק, אַז דער רבי זאָל איר מוחל זיין וואָס זי האָט געצווייפלט אינם צדיקס ווערטער און געפרעגט ,צי זאָל זי זיך מיט אַזאַ פושע־ישראל נישט גטן?

דערהערט ס'וואָרט „גטן" האָט דער ביליקאַמענער אַ ציטער געטון און זיך אָפּגערופן: „מען טאָר נישט אַרויסטרייבן די שכינה פון אַ יידישער שטוב! אַז מען גט זיך, מאַכט מען חרוב וועלטן און מען טרייבט די שכינה אין גלות אַריין!!!"...

האָט די יידענע ווייטער געוויינט און זיך געבעטן: „וואָס זשע דען, רבי? וואָסזשע דען?"...

האָט דער רבי מיט רחמים אַ זאָג געטון: „רו פאָר אַהיים און אַז דיין מאַן וועט קומען פון דער רייזע זאָלסטו אים ,צוערשט, לאָזן רעדן און דערנאָך זאָלסטו אים זאָגן, אַז ר' נחומקע ביליקאַמענער וויל אים זעען און זאָל ער גלייך קומען צו מיר"...

ויהי־היום, דער מאַן קומט צופאָרן אַהיים און שטייענדיק נאָך אויף דער שוועל, מיט איין פוס אין דרויסן, און ער מאַכט שוין אַ פּאַרוואורף זיין ווייב; באשר זי האָט אים אויסגעבערענגט געלט אויף אַ ציין־בערשטעל און... און דאָס האָט שוין די יידישע טאָכטער נישט געקאָנט זיך מ'ער צוריקהאַלטן און אויסגעשאָסן: „וואָלסטו געלייגט תפילין, ווי אַ ייד דאַרף, וואָלסטו זיכער געווען געפונען ס'ציין־בערשטל מיטן האַנטוך!" זי איז צו צום טשעמאָדאַן און אַרויסגענומען דעם תפילין־זאַק און אים געוויזן, זאָגנדיק: „וואָלסטו געלייגט תפילין, וואָלסטו זיכער געווען געפונען ס'ציין־בערשטל מיטן האַנטוך"...

„אַהאַ," האָט זיך צו איר אָפּגערופן דער מאַן אירער, „איך האָב דיך נישט געהייסן און די ביסט דווקא יאָ געפאָרן"...

„יאָ, כ'בין געפאָרן און איצט פאָר דו: דער רבי האָט געהייסן זאָלסט זיין ביי אים נאָך די וואָך," האָט זי אים אַ זאָג געטון.

און אַז אַ יידישע טאָכטער וויל מוז אַ מאַן אַן אפיקורס פאָרן צום רבין. ווען ער איז אַריינגעקומען צום רבין, האָט אים מיין הייליקער



זיידע געזאָגט איין וואָרט און יענער איז צוריק אַהיימגעפאָרן. (איבער־גאַנג)

ס'אַוועק אַ צייט און פלוצים שבת ביים רבינס שלוש־סעודות אין קלויז, קומט זיך אַריינצוגיין אַ גרויסער שוואַרצער הונט און מיט הכנעה גייט ער אַרונטער אונטערן טיש און לייגט זיך אַוועק ביים זיידנס פיס. אַזוי איז דער הונט געקומען אַ לאַנגע צייט, איבער אַ יאָר, מידי שבת בשבתו, צום שלוש־סעודות (זאָג: שאַלעשידעס) און דער זיידע פלעגט אים צוואַרפן אַ שטיקל חלה מיט הערינג. אַ רגע פלעגט ווערן שטיל ביים טיש און דער רבי, מיט אים אַלע חסידים, פלעגט צו זאָגן הויך „אמן" און דער הונט האָט גענומען עסן. אַזוי פלעגט ער בלייבן אין קלויז אונטערן טיש ביז הבדלה און באַלד נאָך הבדלה האָט מען דעם הונט מער נישט געזעען. (קורצע פויזע) ביז אויף אַמאָל, און ווי נאָר מ'אָט אָפּגעזונגען „יום־זה מכובד," רופט זיך אָן דער רבי צו זיינע חסידים: „יידן, היינט נאָך הבדלה וועט מען טרינקען לחיים"; די נשמה האָט באַקומען איר תיקון — זי איז אויסגעלייזט געוואָרן!!" — ביי די דאָזיקע ווערטער איז געוואָרן אַ ווינט אונטערן טיש וואו דער עולם איז געזעסן און דער הונט איז נעלם געוואָרן און מער קיינמאָל זיך נישט באַוויזן.

שפּעטער, נאָכן טרינקען לחיים פאַר דער אויסגעלייזטער נשמה, האָט דער ביליקאַמענער דערציילט די מעשה מיט דער יידענע און איר מאַן דעם רייזנדער. — (עולם נעמט ברומען דעם רבינס ניגון און ס'קומט אַריין נאָך אַ פאַרשפּעטיקטער פאַרשוין):

נאָסעלע שוסטער: (מיט אַן איכה ניגון) אַ, גוט־וואָך, גוט־וואָך, זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט. דאָס ווייב ליגט מיר קראַנק און צוויי קינדערלעך מאָזלען; יאָ, די מיידעלעך מאָזלען איצט אין ווינטער; געמוזט צוערשט פייער מאַכן אין קעלער. איר'ט מיר מוחל זיין... (ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טון און וואו זיך אַוועקצוזעצן)

רבי הערש־מיילעך מיט די חסידים: (שטעלן זיך אויף פאַר אים מיט כבוד אים אַרונטערצולאָזן צום טיש) אַ, רב נאָסעלע, גוט־וואָך, אַ גוטע און אַ מזלדיקע וואָך! „מאָזל" איז „מזל". די קינדער מאָזלען נישט, נאָר זיי מזלען און מיט מזל וועט אייער ווייב און די קינדער בקרוב האָבן אַ רפואה־שלמה! (ווענדט זיך צום בעל־הבית, ר' יאָשע) ר' יאָשע, וואו איז אַ שטול פאַר ר' נאָסעלען?

ר' יאָשע: וואָס הייסט, ס'אָל אַזוי פעלן יידן פרנסה ווי ס'פעלט אַ שטול פאַר ר' נאָסעלען. (שטעלט זיך אויף און רופט) קומט, ר' נאָסעלע, זעצט אייך דאָ צווישן אונז. קומט... (נאָסעלע גייט זיך אַוועקזעצן אויפן אָנגעוויזענעם אָרט)

שלום־שכנח: (פאַלט אַריין ר' יאָשען אין די רייד) ר' נאָסעלע, כ'מיין אַז היינט, לכבוד דעם הייליקן רבין אונזערן דעם ביליקאַמענער זכותו יגן

עלינו מעגט איר אונז מגלה זיין דעם סוד. (אַלע אַרום טיש בייגן זיך צו צו נאָסעלען מיט אַן אויער) — זאָגט זשע, זייט מוחל, ווען קומט משיח? מ׳זאָגט, אַז איר, די למד־וואָווניקעס, וועלן די ערשטע אים אנטקעגן גיין. נו, דערציילט, זייט מוחל, דערציילט. (בעט ביי נאָסעלען ער זאָל אויסזאָגן דעם סוד)

נאָסעלע: (אַן אַסטמאַ־ליידנדע, רעדט אַביסל הייזעריק) איי, איר זאָלט מיר געזונט זיין, יידן איר מאַכט זיך לוסטיק אויף מיין נאָסעלע שוסטערס חשבון? נו, זאָל עס אייך וואויל באַקומען. ס׳איז דאָך עפּעס אַ גרויסן צדיקס יאָרצייט. מען כאַפּט אַריין אַ גלעזל ביר — מאַ, נישקשה, נישקשה, נשקשה. דער ביליקאַמענער האָט ליב געהאַט צו זעען זיינע חסידים לוסטיק און פריילעך. (אַ קורצע פּויזע. מען דערלאַנגט אים ביר. ער נעמט עס אין האַנט אַריין, גיט אַ זופּ) לחיים רבי הערש־מיילעך; לחיים, יידן; לחיים, ר׳ יאָשע! ווען ביי אייך איז אַ מלווה־מלכה, ווערט ביי מיר אין שטוב אויך אַ שטיקל יאָנטעוו. (איבערגאַנג. קוקט זיך אַרום) אוי, ר׳ שלום נאַמן ז׳נאָך נישטאָ? איר הערט, היינט אינעם שולכל, וואו מיר באַלעמעלאָכעס קומען זיך צונויף יעדן שבת בייטאָג הערן ר׳ שלום נאַמן לערנען „עין-יעקב“, האָט ר׳ שלום טאַקע אונז דערציילט וועגן די וואונדער פון די למד־וואָווניקעס. (לאַכט מיט אַ קורץ און דראָבנע געלעכטער) האַ־האַ־האַ. ער זאָגט, אַז זייער גאַנץ לעבן גייען זיי אַרום פאַרשטעלט פאַר אָרימעלייט אָדער באַלעמעלאָכעס. נאָר ערגעץ — דאָרט, וואו ס׳איז זייער אמתדיקע היים האָבן זיי אָנגעגרייט מיט גאָלד־געשפּינטע און מיט טייערע שטיינער באַצירטע שבת-יום־טוב בגדים און איידער משיח וועט קומען וועט אלי-נביא זיי ברענגען דעם שליסל צו קאָנען ארויסנעמען און אָנטון זיך אויף אַנטקייגנצוגיין דעם יידישן גואל. (ווענדט זיך מיטן פּנים צום פּובליקום) אָבער וואָס ווילט איר פון מיר. נאָסעלע שוסטער, אַ שקראַבניק, וואָס לאַטעט אַלטע שיך, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויף שבת און קאָן נישט לערנען! האַ, לערנען? — איך קאָן דאָך קוים עברי זאָגן; נאָר פאַרשטיי איך דען וואָס כ׳זאָג? פרעגט מיך בחרם...

ר׳ יוסף־חיים סופר: (פאַלט נאָסעלען אַריין אין די רייד) מילא, ר׳ נאָסעלע, זאָל זיין, אַז איך, יוסף־חיים סופר, בין דער שוטה און דו ביזט גערעכט. אָבער „אליהו־הנביא“ וועסטו אונז זינגען צו דער פולער וואָך?

נאָסעלע: (מוזיק — ער נעמט זינגען מיט אַ מתיקותדיקן ניגון פּאַמעלעך. אָנגעלעגט מיט דער לינקער האַנט ביים שטערן און מיט דער רעכטער האַנט צום הימל) אלי־יהו הנביא, אלי־יהו התשבי, אלי־יהו הגלעדי — (דער עולם אַרום טיש כאַפּט אונטער)

אלי־יהו, אלי־יהו, אליהו הגל-ע־די —! (בים)

רבי הערש־מיילעך: (זינגט ווייטער דעם פּסוק און אַלע שווייגן) במהרה יבא אלינו (בים)



אַלע: (זינגען צוזאַמען מיט נאָסעלען) ומשיח ומשיח, ו־מ־שי־ח! (בים) ומשיח בן דויד.

ר׳ שלום נאַמן: (קומט אַריין מיט שטילע טריט. פּאַמעלעך גייט ער צו צו נאָסעלען שוסטער בעת יענער זינגט און ווייזנדיק מיטן פינגער אַרויף אויסגעשטרעקט) הער, דו בן עולמות־העליונים! דער הימל איז לויטער ווי אין אַ תמוז־טאָג; די לבנה האָט באַקומען צוריק איר כח פון בראשית־צייט און מיט די שטערן האָט זי צו דער ערד טיף אַראָפּגעניי־דערט און מלאכים באַגלייטן און זינגען מיט דיר מיט! (פּויזע. ציט אָפּ אַ טיפן אָטעם און ענדערט זיין קול) איז ווילסטו, הייסט עס, נאָך אַלץ אונז איינרעדן, אַז דו ביזט סתם נאָסעלע שוסטער, וואָס לאַטעט אַלטע שקראַבעס; אַ לאַטוטניק וואָס, מיר־נישט דיר־נישט, קאָן אויפ־וועקן מלאכים צו שירה און דערנענטערן הימל צו דער ערד, האַ־האַ־אַ? (נאָסעלע דערפילט, אַז דער פאַנטאַזיאָר און גרויסער בעל מקובל גרייט אויף אים אַ געוואַלטיקע אַטאַקע. עס ווערט אים אומבאַקוועם און ער הייבט זיך הינטערווייַלעכס פון אָרט, זוכנדיק מיט פאַרצווייפלטע בליקן אַ וועג צו אַנטרינען) מיר זענען אויף דיר גוזר, למד-וואָוו, זאָלסט אונז מגלה זיין דעם סוד! ווען קומט ער, ווען קומט משיח?

נאָסעלע: (אַלעמענס אויגן אין עקסטאַז און גרויסער דערוואַרטונג זענען גע־ווענדט צו נאָסעלען. ער, נאָסעלע, מיטן פינגער צו דער מזרח וואַנט, וואו ס׳הענגען פּאָרטרעטן פון ווילנער גאון אין טלית און תפילין ביי אַ ספר און מיט אַ גרויסער גענזענער פען אין האַנט און דער רמב״ם מיטן אַראַבישן טורבאַן אויפן קאָפּ, רוקט זיך, פון טיש אַפּויער אַלע קוקן נאָך דער באַוועגונג פון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ ציטער־דיק קול אין גריום צער שרייט ער אויס, ציענדיק יעדעס וואָרט באַזונ־דער) יידן, משיח קומט מאָרגן!! (דאָס וואָרט „מאָרגן“ האַסטיק־גיך. אַלע בלייבן אַ רגע ווי פאַרגליווערט און נאָסעלע שוסטער פאַרשווינדט; באַהאַלט זיך הינטער דער שראַנק ספרים אין אַ ווינקל, ביז צום סוף פון דער מלווה-מלכה)

רבי הערש־מיילעך: מאָרגן, אויב מיר וועלן תשובה טון!

(אַלע זעצן זיך, אַנטוישט, מעבאַניש אויף זייערע ערטער. עס קומט אַריין אַ יינגער, 18 יאָריקער בחור, ר׳ יאָשעס אייניקל שלמהלע)

שלמה: (אָנגעטון מאָדערן מיט אַ פּאָר שוואַרצע האָרנברילן; די האָר שיין פאַרקעמט אונטערן ברייטן מאָדערנעם הוט. טראָגט אַ גראַנאַטענעם אַנצוג מיט ווייסע שטרייפלעך און שוואַרצע לאַק־שיך. ער קומט אַריין דורך דער ווייבערישער טיר מיט פּאַמעלעכע טריט) גוט-וואָך, זיידע! (צו ר׳ יאָשען) מיינע זאַכן זענען שוין געפּאַקט, גרייט...

ר׳ יאָשע: וואָס עפּעס נאָר „גוט־וואָך, זיידע“? און אַלע יידן וואו זענען? דיין גמרא־רבי, רבי הערש־מיילעך און אַלע? וואָסזשע ס׳געפעלט דיר נישט אונזער חברותא?

שלמה: (ושעגירט) חלילה. זיכער געפֿעלט מיר דער עולם! אַלע טייערע יידן, קיין עין־הרע! (צום עולם) גוט־וואָך, יידן; גוט־וואָך, רבי!...

ר׳ שלום־נאמן: (הויבט אויף די ברילן אָנצוקוקן שלמהן) אַ, ר׳ יאָשעס דאָקטאָר, גוט־וואָך, דיר. אַ, געקומען צו אונז זיך פּראַווען. אָדער אפשר שטייט דיר שוין נישט אָן מיט די פֿאַנאַטישע יידן זיך צו חברען? אָה? קום אַרונטער צום טיש, זעץ דיך לעבן מיר און כאַפּ אַריין אַ פֿונק פֿון יידישקייט. ס׳קומט צונויף. ס׳וועט דיר זיכער צונויף קומען... (צו שלום שכנאָן, דעם גמרא־מלמד) זעט, ר׳ שלום שכנא, זעט וועמען איר האָט אונז אויסגעכאָוועט ביי אייער גמרא. לאָמיר הערן צי ער געדענקט נאָך עפּעס פֿון אייער תורה?!

ר׳ שלום שכנא: ר׳ יאָשעס אייניקל האָט ברוך השם אין וועמען אַריינצוגעראָטן און ער פֿאַרגעסט נישט דעם רבונו־של־עולם׳ס תורה, זאָרגט איך נישט. ער איז געקומען זיך געזעגענען מיט אונז ווייל ער פֿאָרט אָפּ פֿאַרטאָג... ע, ע, וואוהין פֿאָרט ער, ר׳ יאָשע? ניין, זאָגט נישט, כ׳על זיך אַליין דערמאָנען — יאָ, ער פֿאָרט אינעם לאַנד פֿון אונזער רש״י הקדוש, קיין צרפֿת, און דאָרט אין פּאַריז, הייסט עס, וועט ער עוסק זיין אין חכמת הפֿילאָזאָפֿיע. (צו רבי הערש־מיילעך) רבי הערש־מיילעך, איר וועט אים דער ערשטער מיטגעבן אייער ברכה אין וועג אַריין און מיט השם־יתברך׳ס הילף וועט ער אויך דאָרט זיין אַ פֿרומער און ערלעכער ייד און גיין אין גוטן דרך פֿון אונזערע אבות, און יידישן דרך. (אַלע זאָגן אמן) נישט אַזוי, שלמה?

רבי הערש־מיילעך: הער, שלמה, איך וועל צו דיר רעדן נישט ווי אַ פֿאַנאַטיקער. גלויב מיר, מ׳קאָן זיין אַ רבי און זעען די וועלט מיט אָפֿענע אויגן. נאָר איך רעד צו דיר אין דעם לשון וואָס דו האָסט אַלע דיינע יאָרן איינגעזויגן אין שטוב ביי דיין זיידן, ביי דיין רבין און אַ היפּש ביסל ביי מיר אין ראַוון־שטיבל.

געדענקסט דאָך אוודאי די מעשה מיט די עשרה־הרוגי מלכות; די מעשה מיט אונזער גרויסן ליכט ר׳ עקיבא און פֿון רבי חנינא בן תרדיון, האַ? מילא, האַלט, אַז איך בין אַ פֿאַנאַטישער ייד אויב דו ווילסט, אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האַלט גאָר קנאַפּ פֿון דיינע פּאַריזער תורות. דער ווילנער גאון, זכותו יגן עלינו, האָט באַוויזן צו זיין אַ גאון אָן פּאַריז. איז יאָ, פֿון וואָסערע האַלט איך? איך האַלט, אַז פֿאַר יידישקייט ברויכט מען גיין ווי צום טאַנץ אויף קידוש־השם. אָט זעט וויאַזוי די גמרא דערציילט אונז אין דער מסכת עבודה־זרה — האָסט דאָך געלערנט גמרא מוזטו דאָך דאָס גוט וויסן — אָט זע איך אים דעם גרויסן קדוש־וטהור רבי חנינא בן תרדיון ווי ער ליגט אויפן שייטער־הויפֿן: די זון האַלט ביים אונטערגיין, דער הימל נאָך אַזוי לויטער און אַ פֿייער פֿלאַקערט און די וואָלקנס רויך וואָס הייבן זיך אויף פֿון דעם פֿייער, פֿאַרפֿינצטערן דעם העל־בלאָען הימל און דער זונס



לעצטע שטראַלן. אויפֿן ברענענדיקן שייטער־הויפֿן ליגט רבי חנינא בן תרדיון מיט אַ ספֿר־תורה אין זיין שויס און ביידע ברענען זיי, דער רבי און דאָס ספֿר־תורה. די פּאַרמעטן ברענען און די בגדים פֿון רבי חנינא ברענען. זיין בלוט טריפֿט און זידט בעת רויטע פֿלאַם־פֿייערדיקע צונגען לעקן דאָרשטיק און מיט קאַניבאַלישער הנאה דאָס בלוט וואָס רינט און פֿרעגלט זיך און קלעפּט זיך צו די פּאַרמעטן פֿון ספֿר־תורה או צו די ברענענדיקע קליידער און ברענענדיקן גוף. די שיינע זילבערנע באָרד סמאַליעט און די קלוגע ליכטיקע אויגן שטייען שוין גרייט אַרויסצושפּרינגען פֿון די אויגן־לעכער און אַ שפּיי געבן אויף דער זינדיקער, רשעותדיקער וועלט. דער צעווילדעוועטער המון אַרום יובלט, שרייט און טאַנצט משוגע־ווילד פֿאַר פֿרייד. דער עלטסטער, ימח־שמו, אין גיהנום איז ער, האָט נאָך נישט געהאַט גענוג, נאָר געהייסן אַרויפֿלייגן אים אין וואַסער איינגעטונקענע שוואַמען און וואָל אויפֿן האַרץ, כדי דאָס פֿייער זאָל נישט אַזוי גיך צוקומען צום האַרץ, און אַז דער טויט זאָל זיין אַ שרעקלעכערער, און די גסיסה זאָל זיין אָן אייביק דויערנדיקע; ווייל אַזוי לאַנג ווי ס׳האַרץ לעבט פֿילט ער נאָך די ביטערע יסורים. — פּלוצים און דער המון ווערט שטיל טויט שטיל, און אַ געקלינגעריי פֿון שווערע אייזערנע קייטן קלינגען אָפּ מיט אַ גרויליק־טויטן קלאַנג. עס קומען אָן, געטריבן אונטער אייזערנע ריטער, די בעסטע תלמידים זיינע. יינגע בחורים, די בלום, דער שמן־זית און די האָפֿנונג פֿון יידישן פֿאָלק. אַלע זענען זיי געקאָוועט אין שווערע, אייזערנע קייטן. מען פֿירט זיי צו נאָענט צו זייער רבין. ווען זיי האָבן דערפֿילט, אַז זייער רבי האָט נאָך דעם אָטעם אין זיך און אַז ער ווייסט דאָס זיי אַלע שטייען איצט אַזוי נאָענט לעבן זיין זייט, האָבן זיי אַ פֿרעג געטון: „רבי, מה אתה רואה?“ — רבי, וואָס זעסטו? —

רבי, מען זאָגט אונז אָדער שמד, אָדער אויפֿן פֿייער! וואָס זאָגסטו, רבי?

דאָ האָט דער גוף אין פֿלאַמען זיך אַ הויב אויף געטון פֿון פֿייער אַרויס און ווי אַ פֿראַוואונדערטער לייב געברומט און ג׳ענטפֿערט: „גווילין נשרפֿין ואותיות פּורחות באויר!...“ — פּאַרמעטן ברענען אָבער די אותיות פֿליען אין דער לופֿט!... גאָטס וואָרט קאָן קיין פֿייער נישט פֿאַרברענען!!!

באותו־רגע, אין דער מינוט און מיט אַ „שמע־ישראל“ אויסגעשריי וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון איין עק וועלט צום אַנדערן, זענען זיי ווי פֿרייע לייכטע פֿייגעלעך אַריינגעשפּרונגען אין פֿייער אַריין און מקיים געווען אינאיינעם מיט זייער רבין די מצווה פֿון קידוש־השם.

רבי תרדיון האָט מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן אויסגעהויכט זיין נשמה און אַ בת־קול פֿון הימל איז אַראָפּ און אויסגערופֿן: „אייביק לעבט אַ פֿאָלק וואָס האָט אַזעלכע קינדער!“

נו, און אין ספרד, אין שפּאַניע בעת דער רשע טאָרקעוומאַדא מיט דער גרויסער אינקוויזיציע און נאָך פאַר, אַ סך דעם רשע, די געשיכטע מיט דער „סעמאגא־סאנטא“ געווען איז עס פּסח, צו דער ערשטער סדר־נאַכט אין יאָר... (פאַרהאַנג.)

# מ. מינדעל
# ווער זיינען אונזערע סאָציאַלע שרייבער און דיכטער?

דער אַרבעטער און קולטור טוער, מ. מינדל איז פאַרגאַנגענעם חודש געוואָרן 60 יאָר. „פריינט פון ייִדישן לשון“ האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דעם יובילעאום, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט איינגעאָרדנט, און געשאָנקען דעם יובילאַר דעם תנ״ך מיט יהואש׳ס איבערזעצונג. דעם רעפעראַט וואָס מיר דרוקן אָפּ האָט מ. מינדל, געהאַלטן ביי אַ ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג, איינגעאָרדנט לכבוד דעם יובילאַר. מיר ווינטשן אים אַ סך גוטע און מנוחה׳דיקע יאָרן, און ער זאָל קאָנען אָנגיין דאָ מיט זיין קולטור־אַרבעט אויף אַ נאָך גרעסערן אופן.

(נאָטיצן פון זיין רעפעראַט)

די ערשטע אָנפירער פון דער גרופּע, שבט אָדער שטאַם זיינען געווען די העלדן, וועלכע האָבן געקעמפט און אויסגעקעמפט בעסערע באַדינגונגען, איינגענומען פרעמדע שבטים און פאַרשקלאַפט אנדערע מיטמענטשן, זיך רייכער צו מאַכן.

שפּעטער האָבן אַ ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט נישט די העלדן, נאָר די גייסטלעכע, וועלכע ערקלערן זיך די גייסטיקע פירער פון דער געמיינדע. ביסלעכווייז ווערן זיי די הערשער פון דער אַלטער ציוויליזייציע, ווי אין עגיפּטן, אין אינדיע, באַביליאָניע, כינע א.א.וו.

דורך יאָרן דורות און ענטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווערן פאָרמירט צענטראַלע מלוכות און עס קומען אויף נייע סאָציאַלע פירער אַרום דעם קעניג און קעניגטום. זיי ווערן די סאָציאַלע רעפאָרמער די טאָן־גע־בער אויף דעם געביט פון רעליגיעזן, סאָציאַלן לעבן פון פאָלק. ביי אונז ייִדן פאַנגט זיך אָן מיט די נביאים און גרויסע געלערנטע ווי די תנאים און אמוראים און גאונים. אין שפּעטערע יאָרן ווערן עס אונזערע ייִדישע פילאָ־זאָפן און תלמידי חכמים מיט זייערע פאַרשיידענע ספרים און אויפקלערונגען ווי אזוי צו דערהויבן דעם פאָלק צו אַ העכערן מצב. און אין אונזער עפּאָכע, ווען דאָס ייִדישער לעבן האָט באַקומען אַן אנדער פאָרם דורך דער געשיכטע פון פאַרשיידענע לעבן־ענדערונגען ווען דער ייד ווערט אַ וועלטלעכער מענטש און קומט אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, ווערט געשאַפן אַ פאָלקס־ליטעראַטור אויף דער ייִדישער שפּראַך און די גרויסע ייִדישע מאַסן נעמען לעזן ייִדיש. קומען די מאָדערנע שרייבער און דיכטער — מיר רופן זיי היינט אונזערע קלאַסיקער, טראָץ דעם, וואָס אין אָנבליק פון צייט, זיינען זיי געשיכטלעך נאָך נישט אַוועק ווי די קלאַסיקער ביי די אַנדערע פעלקער.

אין די ערשטע יאָרן פון דער השכלה־פּעריאָד אין רוסלאַנד, פּוילן,



עסטרייך און דייטשלאַנד האָבן די משכילים געהאַט אַ ווירקונג אויף דער יוגנט. די ישיבה בחורים האָבן גענומען לעזן אין העברעאיש וועלטלעכע ליטעראַטור, וויסנשאַפט, געשיכטע אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער וויסנ־שאַפט. די יוגנט איז אונטערגעוואַקסן און געוואָרן אַליין עלטערן פון קינדער, האָבן געגעבן זייערע קינדער אַ בעסערע דערציאונג און מער צייט צו לערנען. האָט דאָס געהאַט די השפּעה אויף די גרויסע אַרבעטער מאַסן. און ווען דער נייער שטראָם פאַר פרייהייט האָט זיך פאַרשפּרייט און די נייגעריקייט פאַר מער וויסן און די שטרעבונג פאַר אַ בעסערן לעבן איז געוואָרן רייף, זיינען געקומען די מאָדערנע שרייבער אין ייִדיש און האָבן געשאַפן ליטעראַטור אַרום די סאָציאַלע פּראָבלעמען.

מענדעלע מיט זיין אַרויסטריט מיט „די טאַקסע“ און „פּריזיוו“, פּרץ און זיינע „דערציילונגען „באָנטשע שוויינ“, „דאָס שטריימל“, „די פרומע קאַץ“, די „צוויי ברידער“, „דער אוצר“ און אזוי ווייטער — שלום עליכם מיט זיינע טיפּן און בילדער פון „מנחם מענדעל“ און „טוביה דער מילכי־קער“ און זיין סאָציאַלער ראָמאַן „דער מבול“ וואָס מען קען דאָס פאַרגלייכן צו גאָרקיס „די מוטער“, און צו טשאַרל דיקינס דעם ענגלישן רעפאָרמער אין זיין סאַטירע אין אָפּלאַכן פון דאָס אַלטע און מיאוסע — די שילדערונג פון די אָרעמע און דאָס לעבן פון די רייכע און זאַטע. דאָס האָבן אויך געטון אונזערע נייערע ייִדישע שרייבער. זיי האָבן געגעבן טיפּן און בילדער פון ייִדישן לעבן, פּסיכילאָגישע מאָמענטן, ווי וויסענבערג, בערגעלסאָן, שלום אַש און די נאָך יינגערע פון זיי.

די באַדינגונגען פון סאָציאַלע דענקער ביי יערן פאָלק איז שטענדיק פאַרבונדן מיט די מאַטעריאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין יעדן לאַנד. אין רוסלאַנד זיינען געווען די סאָציאַלע דיכטער די פאָרגענגער צו דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע, די רוסישע ליטעראַטור איז געווען דער טרעגער פון אַ נייער עפּאָכע.

די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען אין יענער צייט באַאיינפלוסט פון דער רוסישער. די ייִדישע שרייבער, די גרעסטע און באַדייטנדסטע, האָבן געלעבט אין דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע און זייערער ליטעראַרישע, סאָ־ציאַלע פּראָבלעמען זיינען געשריבן אין יענער צייט. ווען די נייע עפּאָכע איז געקומען אויף דער וועלט מיט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אַלעס געענדערט און מיר זיינען אריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד. אין 1917, ווען די גרויסע רוסישע אימפּעריע איז צו שפּאָלטן געוואָרן, יהאָט פּוילן, ליטע, רומעניע, — דער גאַנצער ייִדי־שער לעבן באַקומען דעמאָלט אַן אנדער אויסזען. דאָס האָט געווירקט אויף אונזערע ייִדישע שרייבער.

עס איז ענטשטאַנען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע אַ נייער לאָזונג „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור“ אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, וואו די סימפּאַטיע פאַר דעם סאָוויעטן פאַרבאַנד איז גע־

ווען, האָבן זיך גענומען שפּאַלטן אויף רעכטע און לינקע. און די ליטעראַטור האָט געהאַט צווייערליי שרייבער איינע אַן אַלגעמיינע ייִדישע, די צווייטע — אַ פּראָ־סאָוויעטישע, אַ קאָמוניסטישע, אַ פּראָלעטאַרישע. און עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָלעמיק צווישן די צדדים — פון מאָסקווער „עמעס" און ניו־יאָרקער „פרייהייט" מיטן „פאָרווערטס" און די „פאָלקס־צייטונג", אין וואַרשע. אַזוי ווי די פּרעסע איז געוואָרן רעכטס און לינקס אַזוי איז אויך די ליטעראַטור. און דערפאַר, ווען מיר ריידן וועגן סאָציאַלע דיכטער קענען מיר שוין היינט אָפּשאַצן ווער זיינען די סאָציאַלע דיכטער ביים ייִדישן פאָלק.

יענע צייטן פון פּאָלעמיק זיינען אַוועק, היינט דערנענטערן מיר זיך, און מען קומט צום אויספיר, אַז ייִדן האָבן אַלע איין פּראָבלעם אין רוסלאַנד, אַמעריקע, פּאַלעסטינע, און אויפן קאָנטינענט. אונזערע פּראָבלעמען זיינען פון אַ פאָלק, וואָס איז צושפּרייט איבעראַל, אָבער צוזאַמענגעבונדן אידעאיש און נאַציאָנאַל טראַדיציאָנעל. אויך אונזערע פּראָליטאַרישע דיכטער זיינען באַוואוסט אויף דעם און רעאַגירן איבער דעם. דערפאַר קענען ביי אונז ניט זיין קיין פּאָליטישע קריגערייען ווייל אונזערע מערסטע שרייבער בעלאַנגען ניט צו קיין קלאַסן און פּאַרטייען. זיי זיינען סאָציאַלע פּסיכאָלאָגן און באָבאַכטער און אַלעס וואָס זיי קענען טאָן איז צו אויסבעסערן אונזער אינערלעכן לעבן מאָראַליש, עטיש, הומאַניטאַריש, אָבער זער ווייניק אויפן פּאָליטישן פעלד ספּעציעל אין דער עמיגראַציע.

און דערפאַר זענען אונזערע סאָציאַלע דיכטער מענשלעך גרויס, זיי זענען העכער פון פּאַרטיי און פון פּאָליטיק און רעאַגירן אויף דעם אונשטערבלעכן פּראָבלעם פון מענטש צום מענטש פון מאַן צו פרוי און פון קינדער צו עלטערן.

## די טעטיקייט פון דעם ייִדישן קולטור צענטער אין לידז

אין קורצן ווערט אַ יאָר, זינט דער ייִדישער קולטור צענטער אין לידז, פירט אָן זיין אַרבעט אונטער פּריינט נ. קויפמאַן אַלס פּאָרזיצער. און וו. ריפקין אַלס סעקרעטאַר. עס האָט זיך גראָד פּאַסירט, אַז לעצטן זומער, האָט אונז באַזוכט דער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער פון לאָנדאָן. און די פאַרוואַלטונג האָט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג מיטן צוועק צו גרינדן דאָ אין לידז אַ בראַנטש פון דעם לאָנדאָנער פאָלקס־הויז. עס זיינען געווען י. ליסקי און דר. פינעס אַלס רעדנער און נ. ביטלער אַלס פּאָרזיצער. דר. פינעס האָט געהאַלטן אַ זייער גוט באַגרינדעטע רעדע וועגן דער באַדייטונג און נויטווענדיקייט פון אַרבעטן פאַר דער ייִדישער קולטור און די וויכטיקייט פון פאַרשפּרייטן די ייִדישע קולטור שאַפונגען. און אָט פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ צוואַנציג מענטשן, האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פאַר אַ ייִדישן קולטור פאַראיין דאָ אין לידז. און דורך דעם מאָנאַט



סעפּטעמבער איז ביי־טיי אונטערהאַלט דער ייִדישער קולטור צענטער אָפּיציעל געגרינדעט געוואָרן. עס האָבן זיך אין אים פאַרשריבן אַ דרייסיג מיטגלידער, דורך דער צייט האָבן מיר אָנגעפירט אַ רעגעלמעסיקע אַרבעט דורך לעקציעס, דיסקוסיעס און קאָנצערטן.

מיר האָבן אָנגעפאַנגען אונזער אַרבעט די ערשטע וואָך אין אָקטאָבער מיט אַ לעקציע פון דעם באַוואוסטן געלערנטן און קענער פון דער ייִדישער קולטור ד"ר שמעון ראַווידאָוויטש. זיין טעמע איז געווען „מענדעלע מוכר ספרים דער פאָטער פון דער ייִדישער און העברעאישער ליטעראַטור". דער זאַל איז געווען איבערפול און פילע האָבן געמוזט צוריקגיין, ווייל עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר זיי. ד"ר ראַווידאָוויטש האָט די רעדע געהאַלטן מיט גרויס ליבשאַפט און יראת הכבוד. עס האָט זיך אונז געדאַכט, אַז אָט זעען מיר מענדעלען מיט דער קליאַטשע געשפּאַנט אין וואָגן מיט דער בויד, שלעפּנדיק זיך דורך די ייִדישע שטעטלעך. די לעקציע האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף די באַזוכער. דאַן האָבן מיר געהאַט אַ לעקציע פון ד"ר בערקאָוויץ וועגן די חשמונאים און די מאַכאַבייער. אויך די לעקציע איז געווען גוט באַזוכט. דאַן האָבן נאָכגעפאָלגט צוויי קאָנצערטן מיט צוויי באַרימטע חזנים אַלס זינגער אויפן ערשטן קאָנצערט האָט געזונגען חזן יעקב שערמאַן און אויפן צווייטן — חזן זלמן שטערן, איינער פון די באַרימסטע חזנים אין ענגלאַנד. אויף דעם קאָנצערט האָבן מיר געהאַט אשר פּרוכט און אברמל פון לאָנדאָן, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַן איין אַקטער „ער לעבט". דער קאָנצערט איז געווען זער ערפאָלגרייך. מיר האָבן דאַן פאָרטגעזעצט אונזער אַרבעט מיט אַ סעריע לעקציעס. איינע אין דער ענגלישער שפּראַך פון אַ היגן פּראָפעסאָר פון דער לידזער אוניווערזיטעט, איבער טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי. די לעקציע איז פאָרגעקומען אין אַ „פּובליק לייברערי", און איז געווען גוט באַזוכט. אַ חוץ לאָקאַלע רעדנער האָבן מיר ביי אונז געהאַט א. נ. שטענצל, וועלכער האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן י. ל. פּרץ. דער פאָרטראַג איז געווען אַ זער געלונגענער און די צוהערער האָבן גרויס הנאה געהאַט. עס איז געווען אַ גייסטיקער נחת רוח. נאָכן פאָרטראַג האָבן מיר פאַרבראַכט ביי אַ פיינעם צובייסן ביי די פריינט סאָנענבערגס אין זייער הויז, וואו פריינט שטענצל האָט גערעדט וועגן די אַרבעט אין לאָנדאָן, און האָט אונז נעגעבן אייניקע דירעקטיוון ווי אַזוי מיר זאָלן אָנפירן אונזער אַרבעט און האָט פאַרשפּראָכן די מיטהילף פון זיין פאַראיין די פריינט פון דעם ייִדישן לשון. פאַר זיין צוריקפאָרן האָט פריינט שטענצל פאַר אַ קרייז פון נאָנטע פריינט גערעדט וועגן שלום עליכם. עס איז דאַן גראָד אויסגעפאַלן שלום עליכם׳ס יאָרצייט. אינצווישן האָט דער באַקאַנטער שרייבער און זשורנאַליסט א. צ. ראָמאַנאָווסקי גערעדט ביי אונז אויף דער טעמע: די ייִדישע פראַגע אין דער נאָך מלחמה וועלט. און גאָר לעצטנס האָבן מיר געהאַט זער אַן אָנגענומענעם גאַסט אין דער פּערזאָן פון אליהו פּאַליושאַק. זיין טעמע איז געווען: „וואָרום דווקא ייִדיש". פריינט פּאָלושאַק איז אַ

פיינער רעדנער און האָט באַהאַנדלט זיין רעדע מיט גרינטלעכקייט און וויסן. די צוהערער זיינען געווען זער פאַראינטערעסירט און מיר האָפן אים צו קענען הערן נאָכאַמאָל אין לידז אין דער נאָענטער צוקונפט.

ווי איר זעט פון דעם באַריכט האָבן מיר כמעט רעגעלמעסיק אָנגעפירט אונזער ארבעט לויט אונזערע כחות. און אונטער די אמשטענדן האָבן מיר זיך נישט וואָס צו שעמען מיט אונזער ארבעט. מיר האָפן, אז איצטער ווען עס בלאָזט א נייער ווינט פון פרייהייט איבער דער וועלט און אויך אין דעם ·לאַנד איז די רעאַקציע נעשטירצט, וועלן מר אויסנוצן אַלע מעגלעכ־קייטן און מיט נייעם מוט אָנפירן אַ גרעסערע טעטיקייט צו פאַרשפּרייטן דעם יידישן וואָרט און באַקענען די יידישע מאַסן מט דער זער רייכער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער.

יעצט גרייטן מיר זיך צו פארן קומנדיקן ווינטער סעזאָן מיט אַ רייע לעקציעס און דיסקוסיעס. מיר ערוואַרטן אַ באַזוך פון דעם באַוואוסטן דיכטער משה עובד. מיר מאַכן אַלע פאָרברייטונגען פאַר זיין באַזוך אין לידז. און מיר האָפן צו האָבן נאָך אייניקע רעדנערס פון לאָנדאָן. און אויך וועלן מיר אויסנוצן אַלע לאָקאַלע קרעפטן וואָס עס וועט נאָר זיין מעגלעך. עס בלייבט נאָר צו האָפן דאָס מיר וועלן האָבן ערפאָלג.

אין נאָמען פון לידזער יידישן קולטור צענטר,

**יעקב טיילאָר.**

## חשובע חברים, „פריינד פון יידישן לשון“ און זער חשובער פּרעזידענט, פריינט משה עובד

מיין קאָמיטעט האָט מיר באַאויפטראַגט צו שיקן אייך אַ דאַנק וואָס איר האָט אונז געגעבן די געלעגנהייט צו האָבן ביי אונז אין לידז אַזעלכע וויכטיקע צוויי געסט, ווי אייער חשובן פּרעזידענט משה עובד און דעם חשובן חזן שמואל ראָטה. און דעם ערפאָלג וואָס דער לידזער יידישער קולטור צענטר האָט פון דעם געהאַט איז אומבאַשרייבלעך, אי מאָראַליש און טאַקע פינאַנציעל... אָבער מיר פערזיכערן אייך אז מיר וועלן יעצט טאָן גוטע ארבעט, מיר וועלן פאַראַנשטאַלטן לעקציעס, דיסקוסיעס, אַלעס וואָס ס׳איז שייך צו יידישער קולטור, און געשיכטע. מיט איין וואָרט, עס וועט זיין חי געלעבט. אז גאָט און לייט וועלן זיך מיט אונז פרייען. און אייער טרחא און געלט וועט נישט זיין ארויסגעוואָרפן, און איר וועט האָבן פון אונז נחת... זייט געגריסט חברים און זייט געגריסט חשובער און פילענדער פּרעזידענט משה עובד.

מיט אכטונג און בעסטע וואונטשן,

אין׳ נאָמען פון טשערמאַן און קאָמיטעט

**וואלף ריווקין** סעק.



## אויפגעהויבן דעם פארהאנג...

(מיין ענטפער אויף די צוויי בריוו מכוח אונזער טעאַטער דאָ אין העפט 70)

1

וואָס קאָן מען אַ סך ענטפערן אויף אַ באַשיידענעם אָפענעם בריוו, אין וועלכן יענער פאַרלאַנגט מ׳זאָל אים „אומרחמנותדיק באַקעמפן“? עפּעס לאָזן זיך די הענט שוואַך אַראָפּ קיינן אזא מין „דזשי־דזשיצי“־קעמפער... כאָטש בשעתן די דיבוק־אויפפירונג האָבן זיי זיך געביילט ממש אין פויסטן זייער כעס אויף וועמען ס׳איז אויסצולאָזן.

דערפאַר פריינט מייזלס, קאָנט איר קיין צו גרויסע „שולד“ אויף די „יידישע שרייבער נישט וואַרפן פאַר זייער ווייניק אינטערעס“. וואָרים נישט נאָר די „יידישע מאַסע וויל זיך ׳ענדזשאָיען׳ און זען אַ לוסטיק ׳פּלעי׳ אין יידישן טעאַטער“. אַ שרייבער ווען ער קומט אין אַ טעאַטער אריין וויל ער אויך האָבן אַ הנאה, און נישט אויפגעציטערט ווערן, ווען ער זעט, ווי אַ סקאַר־באָווע סצעניש קונסט־ווערק, — ווי דער דיבוק איז! — ווערט פאַרשענדעט. דאָס איז נאָך ערגער אפשר ווי דאָס אויפפירן פון שונד שטיקער...

און מיינט נישט, אז דאָס וואָרט „סנאָב“, וועלכעס איר געברויכט פאַר די יעניקע וועלכע מיידן אוים דעם יידישן טעאַטער אין דער איסט־ענד, איז אַ באַליידיקונג — דאָס באַליידיקטע וואָרט איז אַמאָל געווען זער אין דער מאָדע! און ס׳איז אַ גרויסער שאָד, וואָס אין אונזער ביסל אָרעמקייט, צווישן דעם ביסל טראַנטעס און ביליקע פּאַטשערקעס פון טעאַטער־גייערס־וויזיטן, ווערן ווייניקער יענע סנאָביש־ווינקענדיקע צילינדער היטן און אַנטלויפנדיקע פּאָכדיקע פראַקן־רעקוויזיטן...

מיין באַציאונג צו די יידישע טעאַטערס אין לאָנדאָן איז אזא: איך פאָדער נישט קיין סך! און וואַרפן זיי צו פון צייט צו צייט אַ „ליטעראַרישע זאַך“ בין איך עס מקבל באהבה, ביסורים של אהבה... און ביי אייך, פריינט מייזלס, איז עס מסתמא גאָרנישט קיין סך אנדערש.

די אויפפירונג פון אנסקים דיבוק אין נייעם יידישן טעאַטער איז געווען אונטער יעדער קריטיק! אָבער פאַרגלייכט מען אַ בלאַט גמרא, וואָס מ׳לערנט דאָ אין אַ לאָנדאָנער ישיבה צו אַ בלאַט גמרא געלערנט אין ווילנער בית־המדרש איז עס מסתמא אויך, אין פּאַראַלעל, ווי דער דיבוק אויפגעפירט פון די ווילנער צום דיבוק אויפגעפירט אין נייעם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער.

אָט אזוי איז מיין צוגאַנג צום יידישן טעאַטער דאָ אין לאָנדאָן, און ליידער נישט נאָר צום טעאַטער אַליין, פריינט מייזלס.

2

און וואָס קאָן מען שוין ענטפערן אויף דעם ריטערלעכן בריוו פון פּאָעט פּאַלמע איבער מאַרקאָוון — באַגייסטערונג איז דאָ נישט שייך!

דער אונטער־טאָן, וואָס מאַכט ליידער די מוזיק צו דער באַגייסטערונג,— דער טעאַטראַלער קאַמף מכוח מעצענאַטן!—דעם וועלן מיר ליבערשט בכלל

נישט באַרירן, ווייל יעדער מין מעצענאַט־ענין איז מיר דערווידער! נאָך דעמאָלט ווען די הערן מעצענאַטן זיינען געשטאַנען אונטער מאַרקאָוון האָב איך די זאַך באַרירט אין אַן אַרטיקל אין ערשטן נומער „דאָס יידישע וואָרט“, רעדאַקטירט פון שלמה גאָלדנבערג.

נאָר אַז איר חבר פּאַלמע, וואַרפט מיר פאָר: „די געשמינקטע קאָקעטקע, וועלכע רופט זיך דאָס יידישע טעאַטער זענט איר ווי פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט, ווייל וואָלט איר זי אַ ביסל נענטער באַקענט...“ אָ, ניין, איך גיי דעם טעאַטער נישט פאַרביי! איר אַליין, פּאַלמע, זענט דאָך געווען דער שליח, און צו מיך צוגעקומען און מיר אויף אַ גוטן אופן געבעטן דאָס טעאַטער צו פאַרלאָזן אויב נישט וועט זיך דער פאָרהאַנג נישט אויפהויבן און מאַרקאָוו וועט נישט שפּילן. און ווי לאַנג איז עס ערשט, אַז אין איינעם פון די טעאַטערס האָב איך באַקומען אַן אמתן מתנת־יד, מיט דער פּויסט אונטער די ציין — עס האָט געמוזט אויסזען גאַנץ דראַמאַטיש, די דאָזיקע סצענע — אַלנפאַלס דער קלאַפּ איז געווען עכט; פּונקט אַזוי ווי מיין פּראָטעסט קייגן דעם שוין צו גאָר מיאוסן שונד וואָס מ'האָט דעמאָלט פּראָדוצירט — סתם שונד קאָן איך אויך נאָך פאַרדייען און אפילו הנאה האָבן דערפון....

ניין, חבר פּאַלמע, איך גיי דעם טעאַטער נישט פאַרביי, — יעדע וואָך בין אין צווישן עמך־באַזוכער הן אין מאַרקאָווס טעאַטער, און הן אין נייעם יידישן טעאַטער,אין פּאָלקס הויז, און דערפאַר טאָר איך אויך נישט פאַרביי דעם לעצטן באַווייז אייערן און „ביישפּיל“ פון אייער באַגייסטערונג, אַז נאָר מאַרקאָוון קומט די גאַנצע בכורה פאַר רעזשי און מייסטערלעכע אויסצייכענונג פאַר טעאַטער — איך שעץ דאָס קענען און דעם טאַלאַנט פון מאַרקאָוון און אפשר נאָך מער פון פרוי עטאַ טאָפּל, אָבער אַבסאָלוט גאָר נישט ווייניקער איז מיר טייער מאיר צעלניקער און פרוי מייזלס, חנה צעלניקער און שלמה קאָהן. זער טייער זיינען זיי מיר, און דעם גאַנצן ווייטשעפּל אונזערן!

גלויבט מיר, פיל מאָל זעענדיק דעם באַשיידענעם כאַראַקטער־שוישפּילער דוד סעגאַל ווי ער פירט אויף אַ ראָלע מיט אָרנטלעכקייט און טאַקט, אָדער מאָרים אַקסעלראָדן און שערמאַנען געשפּילט אין זייער גראָלפאַרנישע קאָמעדיאַנטישקייט, גלוסט זיך מיר אויך אָנצושרייבן אַזאַ פּאָעטישע „באַגייסטערונג“.

און פאַרוואָס ערשט גיין זוכן אין דער „פּרעמדר“ ביי דער קאָנקורענץ? אין גרענד פּאַליי, אונזער ליבער יוסף מאַרקאָוויטש איז ער עס דען נישט ווערט פון גאַנצן הארצן?

3

נאָר אַ צוויי פּאַראַגראַפן וועל איך ציטירן פון פּאַלמעס ביישפּיל: „אויב איך דאַרף נאָך אַ ביישפּיל (נאָך דער לאַנגער באַגייסטערונג! — מיין באַמערקונג.) צו ווייזן די זעלבסט איניציאַטיוו פון מאַרקאָוו, איז גענוג די לעצטע גרויסע אויפפירונג זיינע 'דער אויפשטאַנד אין געטאָ' פון רחל דאַניאַך.“ „...מיר האָבן פאַר זיך אַן אַרבעט נישט נאָר פון אַ סתם רעזשיסאָר



(דאָס איז אַ פּנים פאַר ווייטשעפּל צו ווייניק! מיין באַמערקונג.) וועלכער גיט שטעלונג און טאָן, נאָר אַ קאָנסטרוקציע פון אַ געניטן אַרכיטעקט“ א.א.וו. מיט „עכט קינסטלערישע גרויסע דערגרייכונגען סיי אין דער אַלגעמיינער קאָנסטרוקציע און סיי איינצעלנע מאַסן סצענעס“. נאָר די צוויי פּאַראַגראַפן וועל איך ציטירן איידער איך גיי אויפשרייבן מיין איינדרוק, בשעת איך האָב געזען שפּעטער די דערמאָנטע אויפפירונג, „דעם אויפשטאַנד אין געטאָ“:

די ערשטע צוויי אַקטן, וואָס באַשטייען פון סענטימענטאַל סצענירטע צייטונג ידיעות, איבערגעבוימלט מיט אַ מאַקאַבעאישן חנוכה־ליכט־צינדן האָבן נישט קיין שום האַנדלונג, קיין שום קאָנפליקט, זיי זיינען אַזויצוזאָגן דער פינסטערער אונטערגרונט, פאַר דער צעהוליעטער פּוילישער מאַזורקע ווען „וואַרשאַווא“ ווערט באַפרייט און פאַר האָפּערדיקן סוף פון דער בלויער ווייסע: זינגען דעם יידישן הימן...

די „דראַמע“, — אַ חוץ דאָס קינד פּראָבלעם וואָס שפּילט זיך אין מאַנכע סצענעס עכט און מאַמעדיק דערפילט, — איז בלוטלאָז! און איז עס אַ וואונדער ביי אַזוי פיל אומזיסט יידיש פאַרגאָסן בלוט... אַ שאָד אַז דער ערשטער אויפטריט פון די אָן שום ספק טאַלענטירטע אויטאָרין איז מיט אַזאַ קאָלאָסאַלער טעמע איבער אירע כוחות — איבער אונזערע אַלעמענס כוחות!

און דער רעזשיסאָר מאַרק מאַרקאָוו, מיט אַלע זיינע אָנשטרענגונגען און „קאָלאָסאַלע“ אויפטואונגען האָט אויך קיין גרויסן רוח־חיים דרין נישט אַריינגעבלאָזן... אביסעלע נאָר צוגעציבלט, נאָך אַ פּאָר טרערן אויסצוקוועטשן ביים עולם גולם. (איין שאַנס כאָטש אין ווינטער סעזאָן פון גאָלע אָפּערעטקעס)

אַ סך מאָל האָב איך געמוזט, אין סאַמע מיטן פונם גערידכטן אַראָפּלאָזן די אויגן ביי מאַנכע מאָנאָלאָגן, פּונקט ווי ס'איז ביי גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ווען פּראָמינענטע רעדנערס ריידן פון אונזער ווייטאָג, ווייל ס'הערט זיך אַרויס פון די ניין מאָס רייד מער דער האָפערדיקער ציל, ווי דער יידישער ווייטאָג...

און טאַקע באמת, אויב אַ ציוניסטישע באַוועגונג מיט אַ מיליאָנען־אַפּיעל קאָן אַרויסהענגען פּלאַקאַטן „וואַרשע, אָשוויעצים, פּאַלעסטינע“, פאַרוואָס זאָל אַן אָרעם יידיש טעאַטער אין ווייטשעפּל נישט רופן און לאָקן דעם עולם מיט אַן „אויפשטאַנד אין געטאָ“...?

אָבער דער עולם איז גאָר נישט אַזאַ גולם, עס לאָזט זיך נישט לאָקן פון אַן אָרעם טעאַטער מיט געטאָ־אויפשטאַנדן ווי פון מעצענאַטן טעאַטער מיט „יידישער קולטור“.

אייך אָבער פרוי דאָניאַך, האָב איך דאָך נאָך געקאָנט אַקיגנטראָגן נאָכן פאַלן פון דעם פאָרהאַנג, אַנשטאָט בלומען, אַ קליינע טרער אין ווינקל פון מיין אויג, וואָס אייער „שטימע פון געטאָ“ האָט ביי מיר אַרויסגעריסן.

* * *

און צום סוף: אפשר איז טאַקע דאָך גוט, וואָס ס'זיינען דאָ צוויי

טעאַטערס, סטאַרעט מען זיך, קאָנקערירט מען, איז דאָ אַ שטיקל „קנאת סופרים", און מ'פירט סוף כל סוף אויף זאַכן, וואָס לוינט כאָטש וועגן זיי צו דיסקוסירן, אַז נישט וואָלט דאָך אפשר שוין דאָס אויך נישט געווען — איז דאָך דאָס יידישע טעאַטער דאָ אין אונזערע ווייטשעפּעלער געסלעך דער איינציקער שטאָלץ נאָך וואָס טיר פאַרמאָגן דאָ און מיט וואָס מיר גרויסן זיך. און יידן סוחרים וואָס האָבן בטבע ליב קאָנקורענץ, זאָלן זיי טאַקע זיין די מעצענאַטן... קיין עין־הרע לאָנדאָנער יידן האָב נאָך געלד, צוויי טעאַטערס אויסצוהאַלטן — מסכים...!

ש.

---

## שלמה גאָלדענבערג

### 20. שפּריכווערטער

א) צרות מיט אַ ראָסל־פלייש קען מען נאָך אַריבערטראָגן, אָבער אָן אַ ראָסל־פלייש — קען מען שוין נישט.

ב) אויף־אַריין איז די טיר ברייט — אויף אַרויס איז זי שמאָל.

ג) פאַר אַ געניטן גנב איז קיין שמירה נישטאָ.

ד) גאָט זיצט אויבן און פאַריכט אונטן.

### 21. אין זכות פון שבת (פון מיין מאַמען)

איך ווייס, מיין קינד, אַז יידן זיינען געוואָרן שוואַך אין שמירת שבת און עס געפינען זיך אפילו לצים, צווישן די „אויפגעקלערטע", וואָס באַהאַלטן זיך אין חדרי־חדרים און רייכערן סיגאַרעטלעך, אָבער דו הער זיך נישט צו צו זייערע פוסטע רייד. אָט וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן נישט ווייט פון אונז, אַ אמת'ע מעשה — דאָס גאַנצע שטעטל געדענקט עס און קיינער קען דאָס גאָר נישט פאַרגעסן.

נישט ווייט פון אונז, אַרום דעם גרויסן דאָרף מערוועץ, האָט געוואוינט אין זיין פּאָסעסיע אַ גראַף בראָניטצקי. געווען איז דאָס אַן אַלטער בחור, אַ גרויסער כעסן און עקשן, אָבער נישט קיין שלעכטער גוי. ער האָט גערן געהאַנדלט מיט יידן און מען האָט ביי אים געקענט פאַרדינען אַ רובל גרינגער ווי ביי די אַנדערע פּריצים. געווען איז ער אַ גרויסער עושר, אַ מקורב למלכות און אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט. געהאַט האָט ער ביי זיך אַ ייד אַ ערענדאַר דורך וועלכן ער האָט געמאַכט אַלע עסקים און עס האָט זיך דעם יידן געלעבט גאַנץ גוט. דער אַרענדאַר איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, נישט קיין למדן, אָבער אַ פרומער און ערלעכער ייד, גוט צו גאָט און צו לייטן. דער עיקר ער איז געווען אַ שומר שבת באמונה, אויף אַזוי פיל, אַז די פּויערן זיינען קיינמאָל נישט געקומען בעטן ביי אים אַ ביסל בראָנפן, וויסנדיק, אַז שבת איז „יענקעלס טאָג" און מען דאַרף אים לאָזן צורו.

טרעפט זיך, אַז דער גראַף איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך פאַר־



קילט גאַנץ פרי, ביים שניט, און די דאָקטוירים האָבן זיך כמעט פון אים מיאש געווען, וויל אַלע מיטלען, וואָס מען האָט אים געגעבן אויף אָפּשוויצן האָבן נישט געהאָלפן און ער איז געלעגן טויט קראַנק, אָן שום האָפנונג. אַזוי איז אַוועק אַ וואָך צוויי ביז איין מאָל דאָנערשטאָג ביי טאָג האָט דער גראַף געשיקט רופן דעם אַרענדאַטאָר און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „הער נאָר צו יענקל, דו זעסט איך בין געפערלעך קראַנק און קיין דאָקטאָר פון דער סביבה קען מיר נישט העלפן. מאָרגן פרי וועט מען דיר איינשפּאַנען מיין קאַרעטע מיט מיינע בעסטע פערד און דו וועסט פאָרן קיין קיעוו מיר ברענגען דעם גרעסטן דאָקטאָר, אין געלט איז קיין מניעה נישט. מען וועט דיר מיטגעבן אַ טויזנטער, און דו טו דאָס בעסטע".

אַ קאַלטער שוויס האָט באַגאָסן יענקלען דערהערנדיק דעם באַפעל פון פּריץ. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ אין חילול־שבת, ווייל מיט דער אַקס קיין קיעוו האָט גענומען אַ פּאָר טעג, אָבער וויסנדיק דעם גרויסן כעס פון פּריץ האָט יענקל זיך איינגעהאַלטן און האָט געענטפערט: „טייערער גראַף, דו ווייסט, אַז איך בין גרייט פאַר דיר טון אַלעס וואָס דו פאַרלאַנגסט, אָבער דאָ האַנדלט זיך אין חלול־שבת און אַזאַ זאַך קען קיין ייד נישט טון, אָן דעם ער זאָל זיך נישט באַראַטן מיט דעם רב; ווי דער רב וועט זאָגן אַזוי וועל איך טון!"...

„גוט — האָט דער גראַף געענטפערט — פאָר מיט דער זעלבער קאַרעטע אין שטאָט אַריין און לאָז מיר וויסן, וואָס דיין „ראַבין" האָט דיר געהייסן טון!"...

אַ האַלב טויטער, מיט טרערן אין די אויגן איז יענקל אַריינגעפאַלן פרייטאָג פרי צום רב אין שטוב אַריין און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה. דער רב האָט דערזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַן אמת פרומען ייד, וואָס וועט נישט אַריבערטראָגן די חרפּה פון מחלל שבת זיין בפרהסיה האָט ער אים באַרואיגט און געזאָגט: „דו בלייב דאָ אויף שבת ביי דיינעם אַ באַקאַנטן, — ביי מיר וועט זיך אָפּזוכן, — און גאָט וועט העלפן!..."

ווען יענקל האָט זיך נישט אומגעקערט אין דאָרף אַריין ביז שפּעט ביינאַכט איז דער גראַף אַריין אין אַזאַ כעס, אַז ער איז אַרויס פון אַלע כלים. ער איז אַראָפּ פון בעט, האָט געבראָכן און געשליידערט די בעסטע חפצים און האָט זיך געוואָרפן שלאָגן זיינע פּוילישע משרתים. מיט גרויסע צרות האָט זיך זיי איינגעגעבן אים צוריק אין בעט אַריינלייגן. דער גראַף איז געפאַלן אין אָנמאַכט, אַ הייסער שוויס האָט אים באַגאָסן און ער איז איינגעשלאָפן געוואָרן, ווי אַ קליין קינד, וואָס פאַלט פון די פיס. אויף מאָרגן ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער געטראָפן דעם גראַף נאָך זער שוואַך, אָבער פיל בעסער ווי פריער, און ער האָט ערקלערט צו די היימישע, אַז די סכנה איז אַריבער און דער חולה וועט מיט גאָט'ס הילף אין גיכן געזונט ווערן. און אַזוי איז געווען.

דעם גראַף האָט גענומען גיין אַלץ בעסער און בעסער. אַזוי זיינען אַוועק

א פאָר וואָכן. דער ארענדאר, וואָס האָט זיך אויסגעהאַלטן אין שטעטל האָט זיך אפילו אומגעקערט אין דאָרף. פאַרן פאָרן א היים איז ער אריין צום רב אים באַדאַנקען פאַר דער עצה און האָט אים געפרעגט: „רבי לעבן, זאָגט מיר דעם אמת... ווי האָט איר מיר דאָס געגעבן אזא עצה, ניט מורא האָבנדיק פאַרן גראף?“. דער רב האָט אים געענטפערט: „איך בין געגאַנגען מיט דעם שכל הישר: איז דער פריץ באמת אזוי קראַנק ווי דו זאָגסט וועט ער דעם שבת נישט איבערלעבן און וועט דיך נישט קענען באשטראָפן, וועט ער געזונט ווערן, וועט ער דיר מוחל זיין, ווייל די פריצים האָבן ליב אַן ערלעכן ייד, וואָס האַלט פון זיין אמונה!“.

יענקל האָט באַדאַנקט דעם רב און פול מיט בטחון האָט ער זיך אומגעקערט אין דאָרף. ווען דער פריץ איז געזונט געוואָרן האָט ער געשיקט רופן יענקלען און אים געהייסן זיך דערציילן דעם אמת. דער ארענדאר האָט געפאָלגט און האָט אים דערציילט אַלעס, אפילו די תשובה פון דעם רב. דער פריץ האָט זיך שטאַרק צולאַכט און האָט געזאָגט: „איר האָט א קלוגן רב, איך וועל אים שיקן א מתנה פאַר אזא קלוגער עצה“. דער גראף האָט געהאַלטן וואָרט און זונטאָג פרי איז אריינגעפאָרן א גרויסער וואָגן אָנגעלאָדן מכל טוב און האָט זיך אָפגעשטעלט ביים רב׳ס שטוב. אין וואָגן זיינען געווען די בעסטע פאָרטן, עופות, גענז און פון דעם האָבן הנאה געהאַט נישט נאָר די משפחה, נאָר אויך די ישיבה־בחורים, דאָס אַלעס איז געווען דער שכר פון שמירת שבת.

## צו דער דיסקוסיע יידיש העברעאיש

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ האָט ליידער דער אַרטיקל פון ב. מארגליות, איבער יידישע קולטור־אויפבוי נישט געקענט אריינקומען אין דעם חנוכה־העפטל, און וועט דערשיינען אין קומנדיקן נומער. עס ווילט זיך נאָר נישט מעכב זיין אונזערע תיכפ׳דיקע באמערקונג, אַז מיר האָפן, אז די ליבע פון ב. מרגליות צו יידיש איז נישט וויניקער ווי אונזר ליבע צו העברעאיש.

## מיטטיילונגען איבער די קומנדיקע שבת״נאכמיטאגס

אין קינגס-האָל, 83, קאָמערשל רויד, א.1. — 3 א זייגער ביי טאָג.

שבת, דעם 1־טן דעצעמבער — די טראַדיציאָנעלע חנוכה־ פייערונג מיט פאָרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס.

שבת, דעם 8־טן — א רעפעראַט פון משה עובד: מיין וועלט-אנשויאונג

שבת, דעם 15־טן — געווידמעט דעם שאפן פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך.

שבת, דעם 22־טן — געווידמעט דעם יידישן שאפן פון אמעריקאַנער יידן.

שבת, דעם 29־טן — מענדעלע מוכר ספרים׳ס 110־טער געבוירן־יאָר.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.
**פרייז -/1.**